Aleksander Tsederbaym

# די געהיימניסע

פון

# בערדיטשוב

איינע קאראקטער שילדערונג דער דארטיגען יודישען
[illegible] יונג, אלס מוסטער דער יודישען זיטטען.

פון

**א. צעדערבוים**

רעדאקטער דעם „המליץ" עט „קול מבשר"

LIBRARY of the [illegible]EL GROUP SHNORER ASS[illegible]

**ווארשא**

שנת תר"ל לפ"ק

Die Geheimnisse von Berdiczew

(Бердичевскія тайны)

WARSCHAU.

1870.

8/8157

818157

# דיא געהיימניסע
פון
# בערדיטשוב

איינע קאראקטער שילדערונג דער דארטיגען יודישען געמיינדע, אלס מוסטער דער יודישען זיטטען.

פון
**א. צעדערבוים**
רעדאקטער דעם המליץ אונ קול מבשר

LIBRARY of the SHNORER ASS'N

## ווארשא

שנת תר״ל לפ״ק

---

**Die Geheimnisse von Berdiczew**
(Бердичевскія тайны)

WARSCHAU
1870.

MICROFORM

שנארער אסס'ן
ווינקעל גרופ
ביבליאטעק
LIBRARY of the VINKEL GROUP SHNORER ASS'N

# אללגעמיינער איבערבליק

---

אזוי וויא דער הויפטצוועק פֿון אונזער רייזע איז , וויא מיר האָבען געזאָגט אין אונזערע בלעטטער , זיך זעלבסט אין אונזער לעזעפובליקום אַ בעססערן בעגריף צו מאַכען פֿון אללע יודישע פֿערהעלטניססע אין דיא געגענדען וואו זייא וואָהנען , אונ דיא פֿערשיעדענהייט דער זיטטען אונ דענקונגסאַרט אונזערער גלויבענסברידער , וויא אויך . זאָ וייט עס מעגליך איז , צו פֿאָרשטען דיא פֿערהעלטניס'ע וואס האבען בעווירקט דיא דאָזיגע פֿערשיעדענהייטען אונ קאראקטער-שילדערונגען ; דאריבער איז אונז אונמעגליך גרוזען אין אונזער קורצען בעריכֿט אים "קול מבשר" בעררימשוב אַקוראַט צו בעשרייבען . אין פֿאָרט-זעטצונגען וואָלט זיך עס צו לאַנג געשלעפּט אונ ערמידעט דען לעזער , ער וועט פֿערליערען דען פֿאָדים פֿון דער אויפֿפֿאַסונג אונ וועט צו לעצט פֿערגעססען וואס אנפֿאַנגס איז געשטאַנען , חוץ דעם וועלין אנדערע קורצערע בעריכֿטע פֿון אנדערע מקומות נאָך ווייטער אויפֿגעשאָבען ווערין אונ דאָרט וועלין אויך פֿאָרקוממען אינטערעסאַנטע זאַכֿען , מחייל וואס לײדען קיין פֿערצאָגערונג אונ דאַרפֿען באַלד אנגעהענגט ווערין , בעזאָנדערם דאָרט וואו עס האנדעלט זיך וויכֿטיגע פֿראַגען צו ערקלערען אונ געוויססע פֿעהלער צו פֿערבעססערן . אונ אזוי וויא בעררימשוב קענן מיט רעכֿט גענאַננט ווערין "ירושלים" פֿון דיא 3 גובערנים— וואָלהין , קיעוו , אונ פּאָדאָליען , אונ האט אַלס גרעסטע שטאָדט אין דער גאנצער געגענד , אונ מיט איהר גרויסען האנדעל , איהר איינפֿלוס אויסגעאיבט אויף יודען אונ יודענטהום אים זידוועסטליכֿען רוסלאנד ; איז וויכֿטיג זיא פֿון אללע זייטען צו ערפֿאָרשען , איהרע געשיכֿטע , איהרען האנדעל , איהרע פּארטהייען אונ איהרע מנהגים אונ פֿאָרהערשענדע געזינונגען , איהרע מעלות מיט איהרע חסרונות , אללעס אויף פֿאַקטען אונ אויף ציפֿפֿערן געגרינדעט . קיים וועלין מיר אונ אונזערע לעזער קלאָר ווערין אים בעררימשובער קאראקטער , וועט אונז שון דאס אלליין דיענען פֿאר אַ מוסטערבילד וואס שפּיגעלט זיך אָב אים קליינען אין דער גאנצער געגענד ארום , אזא אומפּארטהייאישע בעאורטהיילונג זענין מיר נאָר אים שטאנדע אין אַ בעזונדערע בראָשירע צו געבען , אונ דאס האט אונז פֿעראנלאַסט נאָך צו אונזערע רייזעשפּעזען דאס אָפּפֿער צו ברענגען אונזערן צוועק .

דיא אויפֿגאבע וואס מיר האבען זיך דאָ געשטעללט איז ניט אזוי לייכֿט , מיר וויסען עס אליין , איבערהויפּט וייל עס פֿעהלען דאָצו געוויסע געשיכֿטליכֿע קוועללען , אונ וויא אזוי בעררימשוב האט זיך אויסגעבילדעט צו ווערין אַזא גרויסע איינוואָנער פֿלוסרייכֿע יודישע שטאט ; עס געפֿינען זיך זאָגאר אין דיא שטעדטישע ארכֿיווען , אין דער דאָרטיגען קאטוילישען קירכֿע , ב זעהר שוואַכֿע אנצייגען דאריבער , מיר האבען דאָרט אומזיסט געזוכֿט . מעהר וואונדער אין אַזאַ גרויסער יודישער שטאדט זאלל זיך ניט געפֿינען קיין אַלטער פינקס פֿון אַ חברה , עפּיס פרטים אויף געביידען , אלטע כתבים , ובפרט אז בעררימשוב איז נאר ניט אזוי אַלט ; דיא יעצטיגע בעפֿעלקערונג חוץ וואס זיא וייסט נישט אונ איז ניט אויף דער אַרט אויסגעבילדעט צו פֿיהלען דיא וויכֿטיגקייט נאָכֿצופֿאָרשען פֿערגאנגענע אַלטע מעשות אונ דיא ענטוויקעלונג פֿ זייער פֿאָטערשטאָדט ;

Дозволено Цензурою
Варшава 16 Декабря 1869 года.

---

Въ Типографіи И. Гольдмана.

שון און האבען נענג בעוויזע נעהאט פון אונזערער אונבעשטעלליכקייט און אויפריכטיג-
קייט, וועט יעדער עהרליכע אויפמערקזאמע לעזער דייטליך ארויסזעהן אז מיר שוינען
ניט קיין איינציגע פארטהייא און דאס איז דער בעסטע בעוויז פון אונזער אונפארטהיי-
ליכקייט, ובפרט אז מיר וועלן אונזערע בעהויפטונגען מייסטענטהיילס לאָגיש מיט פאַק-
טען און ציפערן בעוויזען. עס קענן פיליכט מעגליך זיין אז אין איינצעלנע פעללע
זאָללען מיר בויען אויף א פאלשען גרונד, וייל דיא ערהאלטענע נאָטיצען איבער דעם פרט
וועלין נראד מאנגעלהאפט זיין; עס קענן אויך זיין אז אונזערע שליסע זאללען צופאָל ניט
ריכטיג זיין; דארויף זענין מיר נאר מענש, שגיאות מי יבין. דער בעסטע בעוויז פון
אונזער אונפארטהייליכקייט וועט זיין, אז מיר וועלן צו יעדער צייט אויפנעהמען פאקטיש
בעגרינדעטע ווידערלעגונגען און בעמערקונגען אין אונזערע בלעטטער און אויף וואהר-
הייטען וועלין מיר געווים מודה זיין. נאטירליך וועלין מיר זיך ניט איינלאָזען אין פוסטע
פאָלעמיקען פון פארטהייאישער אינטריגאנטען און זענין בייא זיך אזוי פעסט אז
עס וועט אונז גיט אָרין אונעהרליכע אנפעללע, זידעלייא אין צייטונגען, אין בראָ-
שירען, זאָגאר פאלשע דאָנאָסין. דאס וויסען שוין אונזערע געגנער אז דערארטיגע
וואפפען טרעפען אונז נישט, מיר זענין שטארק געפאנצערט, און מיט איין איבער-
געטריבענען פעלץ סטראשיט מען אונז געווים ניט. נאך דיא פאראויסגעשיקטע ווערטער
וועלען מיר אָנהייבען בעשרייבען בערדיטשוב און קאלטבליטיג ווייא א טרייער
פריינר אויפמערקזאם מאכען אויף אללע גוטע און פעהלערהאפטע זייטען און פראָפאָ-
נירען, נאך אונזער קורצען פערשטאנד, מיטעל צום אויסגלייכען, צו פערבעסערן
וואס שעדליך איז פאר דער געמיינדע און פאר דעם כלל ישראל.

# די לאגע פון בערדיטשוב

בערדיטשוב ליגט אין איין עבענע (גלייכען פלאץ) עטוואס העכער פון דעם ניט
בעדייטענדען טייך „גנילאָפיאט" וועלכער טהיילט דיא שטאדט אין צווייא ניט גלייכע
טהיילע. אויך אָן דעם פלאן פון דער שטאדט ערקענט מען אז איהרעם ערשטען גרינ-
דער האט זיך גאר ניט געחלומט אז דא וועט אמאָל זיין אזא בעדייטענדער פלאטץ
מיט אזא שטארקער בעפעלקערונג, און אויך שפעטער אז זיא איז געוואכסען האט
קיינער ניט געקוקט אויף א געוויסע סימעטריע. דער עלטעסטע טהייל איז דיא זאָ-
גענאננטע אלטע שטאדט, אין איהר איז שוין צום רעגעלמעסיגסטען דיא הויפטשטראסע
ווייא דיא גבירישע קאמעניצעס שטעהן, אויך נאר איין רייהע עטליכע דרייא שטעקנע
הייזער נעבען דעם קארמעליטען קלויסטער און וואס נאר ניט קיין אלטע; אין דעם
שטאדטטהייל זענין דיא הויפטגעשעפטען און מאגאזינס, בודען מיט אללער האנד וואַ-
רען דיכט איינס נעבען דעם אנדערן. אויף דיא נאנקעס איז דיא דאָרטיגע בערזע.
אונטער דער הויפטגאס געפינט מען אין דיא נאָך ווייניגער פלאנמעסיג אנגעלעגטע
הינטערגאססען און געסליך, שיינע ציגעלהייזער, ווייטער איז א שרעק צו קוקען אויף
דיא עלענדע ענגע קרומע שמאָלע שטעגליך וואס פיהרען אין דיא הערומליגענדע זאָ-
גענאננטע „פוטטקיס, קיצינייווקע וכרומה", ווייא עס שיינט איז דאָרט בעשטימט געוואָ-
רין מששת ימי בראשית עס זאָלל זיין א שטאדט, און דעם עולם'ס ווערטיל גילט דאָ
פאר איין אמת אז אָדם הראשון האט דאָ בעצייכענט אויף א גרויסער כרך, א סימן דיא
בלאָטע איז נאך פון דעם ערשטען שבת אָן ניט אויסגעטריקענט און נאך דעם ריח
קענן מען ערקעננען אז דאָ איז נאָך אָדם הראשון געוועזען איידער ער האט פערזוכט
פון דעם עץ הדעת. פאסט דורכגעהענדיג עלענדע הילצערנע געבויטע הייזליך, ווייניגע
שטעקיגע, אָהן א פלאן אָהן א סימעטריע, דארונטער זעהר פילע בויפעלליגע, דאָך
זענין זייא בעוואָהנט. פון דער אנדערע זייט אויך פיהרען הילצערנע בריקען צו דעם
זאָגענאננטען טהייל „אונטער דער גרעבליע" אויך פילל מערסטענטהיילס מיט אָנ-
געוואָרפענע הייזער און הייזליך. מעהר אָרדנונג בעמערקט מען שוין אין דער זאָגענאנ-
טען נייען שטאדט, מאלינאווקער גאס, אם שענסטען איז דיא ווילסקי גאס, דאָרט
זענין דאָ זייער שיינע בעקוועהמע הייזער מיט גערטען פון קריסטען אויך יודען. נאָר
אפילו אין דיא נייע עלענטע גאסען האט נאר א פנים דיא פראָנטאָווע גאס, אונטער
איהר וואַזער פלאנלאָזע הילצערנע הייזלין, דורך דער שרעקליכען ענגשאפט אין דיא
שמאָלע הינטערגעסליך, בעזאָנדערס פון דער אלטער שטאדט, דורך דיא פאָרם דער
הייזליך וואס ווערין נאר בעטראכט אבי מעהר קושיות צו מאכען, און דורך דער
פורכטבארער צוזאמען געדריקטען מענגע דער איינוואָהנער, איניגע טאָג פאָלק אין איין
קליין שטיבעל און דאָרט איז דאך קען פאר אללע פאמיליען, איז קיין חידוש ניט
וואס דאָרט ברעכען אללע מאָל אויס שרעקליכע שריפות און אין א פאאר שעה ווערין
אויסגעלאשט גאנצע הונדערט הייזליך ווייא היפקע פון א פונק.. נאר מאָרגען זעהט
זיך שוין ווער בוימייסטער פון דעם איש חסיד אין דיא זמירות און אבער נאכט וואקסען

ווידער

וידער ארויס וויא פון דער ערד אקוראט אזעלכע הייזליך נאר דיא בויפעליגע מוזען זיין אנגעשמירט מיט סאלאמאנדרא בלוט, זייא בלייבען דיא זעלבע אויס דער פלאם. מהייל זענען טאקי אפּסעקורירט (זאסטראחווים) פאר פייער, נאר וויפיל ווערין בדלות און דאס פאלט ווידער אויף דיא נגידים, וואונדערט אונז פאר וואס דיא, צוזאכמען מיט דער שטערטישען פערוואלטונג, זעהן נישט וועניגסטענס נאך א שריפה אביסיל גרוימער און רעגילמעסיגער צו מאכען דיא גאססען און אויסבויען זאלל מען בעססער אויף דער נייען שטאדט. דער מיט וואלטען זיא דעם גמיינעם עולם אין פילער בעציהונג אמת גערואלפען; זייא וואלטען ניקענט געניסען פרייערע און ריינערע לופט, איינס פון דיא גיטהוועטריגסטען לעבענסבעדירפניססע דעם מענשען; מען וואלט בייא זייא אויפגעוועקט דען זינן פאר ריינליכקייט וואס מונטערט אויף דען גייסט; זייא העטטען געקריגען געפיהל פאר עכט יודישע צניעות און אנשטאנד און פערשטאנגען וויא דאס וואס עטליכע פאר פאלק לעבען צוזאמען אין איין שטוב אין איינעם מיט דיא קינדער, פערדערבט מען דערמיט זייערע זיטטען פון קינדווייס אן. עס איז ווירקליך מערקווירדיג — יודען וואס זייער רעליגיע פאדערט פון זייא דורכאויס ריינליכקייט (נקיות) און אונטער דיא מדרגות (שטופען) דורך וועלכע מען קענן קוממען צו רוח הקדש רעכענט דיא משנה, נקיות און טהרות; דער יוד דארף זיך וואשען ביים אויפשטעהן, נאך נאטור בעדירפניססע, צו יעדען עססען, חסידים זענען נאך שטארק מקפיד אויף מים אחרונים און מקוה טעגליך, פרויען מוזען זיך אויך טובל זיין; צום סוף איז מען מטהר אויפמערקזאם אויף דער קווארט זיא זאלל חלילה ניט האבען א שפעלטיל, און א וויכטיגע ערפינדונג איז שטארק אנגענוממען אונטער פרוממע — א קווארט מיט צווייא אויהרען, דאס אומריינע וואסער זאלל חלילה ניט טמא מאכען דיא האנד; און א האנדטוך איז שווארץ וויא א רערנע אז עס איז פשוט נמאס אנצוקוקען, מכל שכן אין דער האנד צו נעהמען, דערמיט ווישט מען זיך אב מיט נעוואשען פערשמירטע הענד צו עססען, יעדער היט אב באלד פון בעטט אויפשטעהענדיג ניט צו געהן ד' אמות בלא נטילת ידים און וועט זיך זעקס מאל געהיפט אבשווענקען דיא נעגעל, דעם רוח רעה אבצושוועגקען, קוקט איך אבער נאר גוט צו וענן דיא הענד, ווער שמועסט דאס פנים, דער האלז אזוי דיק פערפאלצעוועט; אן יוד טאר נישט דאווינען ניט א ברכה מאכען אין איין אומריין ארט וויא ווייט דאס אויג זעהט, ער טאר נאר ניט רענקען אן גאטטס נאמען במקומות המטונפות, זאגט אליין ווא איז נאך אזוי אומריין ווא שטינקט מעהר וויא אין א יודישע שטוב, און עס זאלל זייא צו קיין גנאי ניט זיין אין דיא קלויזען און צרום זייא. אין דער מקוה וועט מען קוקען עס זאללען נאר ניט וועניגער זיין וויא פערציג סאה, עס זאלל ניט ארום שווימען קיין זאך וואס קענן מאכען א חציצה, נאר דאס וואכמער מעג זיין וויא פאמיעס און שכינקען איין אויר פון דעם געוויססען סוד פון מקוה. אזוי ווערד פון דיא טהייערע ריינליכקייטס פארשריפטען בלויס פארמען גאט צו נארען און דער פאר נאך צו ערווארטען עשירות אויף דער וועלט און איין גרויסען חלק עולם הבא. מיר צווייפלין זעהר אויב מיט צוא וואשען וועט מען זייא צולאזען צום לויתן. צום אומגליק איז בייא פרוממע איין עבירה אריין צו קוקען אין א שפיגעל, פערקעהרט יודען און יודענים וואלט מען געדארפט מאכען פאר א מצוה טעגליך זיך אנצושפיגלין, פיליכט וואלטען זייא דאך געזעהן אז נאך דעם פליכקין אין מקוה און זיבענצעהן מאל אין טאג וואשען, זעהן זייא אויס וויא דיא רוחות, און דאס איז ערשט דער רוח רעה וואס איז אזוי גיפעהרליך,

ווארין

וארין ריינליכקייט ניט צו געהן, דורך אונרייבליכ[illegible] און ציעהט זיך צו אללע קרענק, דאס זעלבע איז מיט דיא האאר קעמען, [illegible] זיך אנגיטשעפט אן א ווארט אין רש"י בייא יוסף (ווערין דיא קוועללע אין תלמוד און מדרשים וויסען נאר יחידי סגולה) „מסלסל בשערו" איז דאפון געווארין א מצוה צו פערוואהרלויזען דעם קאפף מיט דער בארד מען זאלל פארקראצען ווערין און קאלטינים זאללען וואקסען; פון איין פרייטאג צום אנדערן צוואגט מען זיך מיט לאקשען יאך און דער מיט איז מען יוצא לכבוד שבת. דאס אללעס העננט אב איינס פון אנדערן, פריוט נאר זארגט פאר דעם נימיינען מאנן ער זאלל בעקוועהמער וואהגען, וועט איהר זעהן וויא ער וועט שוין אויפמערקזאם ווערין דיא דירה ריין צו האלטען, זיך אררענטליך אבצוואשען, צו פארקעסמען; ער וועט שוין אכטונג געבין אויף דעם העמד, אויף דעם טלית קטן, אויף דיא פלירען, אויף דיא זאקען, אויף דעם בעטטגיוואנד, זייא זאללען ניט קויטיג זיין, אויף דעם אייבערשטען מלבוש עס זאלל ניט זיין פערפאלציווים און לויטער פלעקען, בעססער א גאנצע רימענע קאפאטע וויא א צעפאללינע זיידינע וואס דיא וואטען קוקען ארויס. מיר זאגען איך ניט צו אז דאס וועט אללע פיהרן לידי רוח הקודש; דאס איז אבער בעשטימט אז עס וועט פארפיינערן זיירע און זיירע קינדערס זיטטען. און וועט אריין ברענגען אונטער זייא א געוויססען גראד ציוויליזאציע, זייא וועלין איך אנדער פנים האבען און דאס וועט זיין פאר זייא דיא פרי פון עץ הדעה צו וויסען וואס זייא פעהלט, דער גייסט וועט אין זייא ערוואכען, זייא וועלין געזונדער און לעבידיגער, ריהרידיגער זיין, און וועלין פון קריסטען פון וועלכע זייא לעבין מיטטענס אנדערש בעטראכטעט און בעהאנדעלט ווערין.

אין בערדיטשוב זענין יעצט דא 1458 הייזער, היינו יודישע 968, דערפון 102 שטיינערנע, און 866 הילצערנע; דאגעגען קריסטליכע נאר 490, שטיינערנע 20, און 470 הילצערנע.

---

## דיא געשיכטע פון בערדיטשוב

מיר האבען שוין געזאגט אויבען אז עס איז שווער אדער גאר אוממעגליך ארויס צו פינדען ווען בערדיטשוב איז געבויט געווארין און וויא אזוי דא איז אזוי געוואכסען. מיר אנטנעהמין דאס וועניגע וואס מיר געפיננען אין דער אין וארשא 1860 ערשינענער „Encyklopedyja powszechna" וואס דיא ארויס געבער האבין זיך געטוג מיה גינעבין קוועללין צו געפיננען, און וויא דער יעציגער נאסטאיאטעל (גייסטליכע) אין דעם בערדיטשובער קארמעליטין קלויסטער האט אונז ערצעהלט, אז מיט שווערער מיה האבין זייא געפוננען דיא נאכריכטען אין דער קלויסטער ארכיווע. פון דארט זעהט מען נאר ארויס אז דער דאזיגער קלויסטער איז געבויט געווארין אים 1626 טען יאהר. אים יאהרע 1647 (ת"ח) האט באגדאן חמעלניצקי חרוב גימאכט בערדיטשוב. צו דער צייט איז גיוועזען דער [illegible]יץ פון בערדיטשוב Janusz z Łohoiska Tyszkiewycz, פון איהם איז זיא איבער גינאנגען צו ראדזשיווילאוו, ביז איצט קעהר זיא צום קשיאנזשע ראדזשיווילאוו, נאר אזוי וויא שיינט און וויא מען איבעראלל רעדעט, וועט בערדיטשוב אין קורצעם פארקויפט ווערין, אדער דיא קרוין וועט עס איבער נעהמי

און

פאר דעם פריעזשע, ער האט זיך מיט אללעם געטהיגין פערזאָרגט ביים ארויס גיין פון דעם גאָטטעס־דינסט; פאר יודען איז עס אויך גיוועזין א גוטער פלאַטץ צום האנדעל. דעריבער איז צו פארשטיין פאר וואס דיא קאטוילישע גייסטליכקייט האט דערלאָזט יודען זאָללען זיטצען אין דיא הייליגע קלויסטער מויערן מיט זיירע האנדלונגען, יודען האָבין אויך גיבויט איינפאָרהייזער מיט באקוועמליכקייטען פאר פריצים, וואס זענין נאָך ביז היינט דאָרט מאַסען. מיט דער צייט האָבין זיך דאָרט גימאַכט וויכטיגע ירידים. מאן פלעגט אהין קוממען פון גאנץ ווייטע געגענדין, בעזאָנדערס פלעגין שטאַרק זיין דיא צווייא, דען 12 טען יולי, אנופרא יריד (וואס איז אונבעדייטענד גיוואָרין זייט דער לעצטין צייט וואס מאן האט אין דעמועלבין טאג גיגרונדעט א יריד אין קיעוו, דאָ איז ער ניט גרויס אונ בערדיטשוב האט דאבייא פיל גיליטען). עס פלעגט דאָרט זיין א גרויסער פערדס־מארק, וואס איז היינט אויך שוואך גיוואָרין. דיא ירידים זענין גיוועזין דאָפפעלט חיללקאָסטען דיא ערילייט, וואס פלעגין אהין פאָהרין אויף דיא הייליגע גרעבער מתפלל זיין, אין איך ווענס האָבין זייא פערקויפט זיירע פראָדוקטע, פערד, רינדפיה, שאָף, וואָלל. זייא האָבין דאָרט געקריגין פארשוססע אונ געלד אנלייהען בייא יודען, אָבגימאַכט און גישלאָססען קאָנטראַקטין. דאָפון איז בערדיטשוב גיוואָרין א וויכטיגע האנדעלס־שטאָדט אונ דער שפעקולאציאָנס־גייסט האט זיך אויס גיבילדעט אין אללע בראַנשען. דאָרט זענין גימאַכט גיוואָרין אללער האנד גישעפטין מיט רויהע פראָדוקטע, מאַנופאַקטור, גאלאנטרי, אונ קאָלאָניאל (באקאלעיני) וואארין, אללער האנד לאחרים אונ האָרט, וואס דיא גרויסע קאפיטאליסטין פלעגין באציהען פון בראָדי, ליפסיק אונ וויען. זייא האָבין צוגיצויגין סוחרים פון נאָהנט אונ ווייט בייא זייא צו קויפען, אונ דער גרויסע אָבזאָץ האט גימאַכט אז עס איז גיוועזין קאָנוועגאבעל בייא זייא צו קויפען, דער אויסלענדישער האנדעל איז ניט ליידט גיוועזין פאר מיטטעלע קויפלייט, דיא הוצאות זענין גיוועזין זעהר גרויס, עס האט זיך ניט גילוינט אויף קליינע אבזאטץ אזוי פיל שפעזען צו מאַכין, חוץ וואס דער בערדיטשובער גרויסער אבנעהמער האט תמיד גיקריגען זיינע וואארין מיט געוויססע פראָצענטע בילליגער; אויף פראַכט אונ צאָלל האָבין זייא אויך געניר ניקענט עקאָנאָמיע מאַכין, דאבייא האט דער היימישע לאחרים פערקויף, אויף וועלכין זייא האָבין גיקענט זיכער רעכנין פון דיא 5 ירידים, מעגליך גימאַכט דאס האָרט גישעפט גראָסער צו טרייבין. דער רוסישע האנדעל, מיט מאָסקווא אונ מאנופאקטור אונ גאלאנטרי, פעלצווערק אונ אנדערע ארטיקיל. א כלל בערדיטשוב איז גיוועזין דיא וואארין קאממער פאר דיא גבערניע קיעוו, וואָלהין, פאָראָליען, בעסעראביען, ברעסט ליטעווסק (בריסק). ערשט אין דיא לעצטע צייט או ארעסא האט אָנגיהויבין שטארק וואקסען פון איין זייט, בעזאָנדערס אָבער זייט דיא קאָמוניקאציאָנען זענין גרינגער גיוואָרין דורך שאָסעען אונ אייזענבאהנין, דער שפעקולאציאָנס־גייסט האט זיך אויסגעבילדעט אין אללע מעהר אָדער ווייניגער גרעסירע שטעדט, אזוי או דער דאָרטיגער סוחר מיט עפּיס קאפיטאל טרעפט שוין אויך קיין ליפסיק, וויען, שווייץ, ענגלאנד, פראנקרייך, מאָסכ[illegible], צו דיא פוילישע טוך אונ קאָרט (טריקאָ) פאבריקען, מעהר נאָך אין דער לעצטער צייט, זייט דיא בויערן זענין באפרייעט גיוואָרין אין דער לעצטין פוילישען רעוואָלוציע, דורך וועלכעס דיא פריצים זענין פעראָרעמט גיוואָרין, זייט דאמאָלס איז טאַקי בערדיטשוב זעהר שטארק גיפאַללין. דיא וואס האבין נאך קרעפטע אונ קאפיטאלין מיט א נאָמען פון פריהר מאַכין נאָך גוטע גישעפטין, דאס
געלד



געלד ארבייט. דאגעגין מיטטעלע אונ קליינע סוחרים מוטשען זיך אונ או איינער פרעפט זיך צו פאָרסירען, צי מיט א קליין קאפיטאלכען וואס ווערד פארזונקען אין א גרויס גישעפט, אָדער גאָר אויף קרעדיט, האלט ער ניט לאנג אויס אונ בלייבט באנקראָט. דאס שטערט דעם קרעדיט, וואָרין דיא וועלט ווירד מיכטרויאיש. — דיא קאפיטאליסטען זוכען גישעפטע אויף אנדערע פלעטץ; אדעסא, קיעוו, ווארשא, מאָסקווא אונ פעטערסבורג, טהייל ציהען גאָר אויס אונ באזעטצין זיך ערגיץ אנדערש, וואו זייא קעננין סאָלידע אונ גרעססירע אָבזאָטץ מאַכין, דאס איז קיין קליינער פערלוסט ניט פאר דער מיטטעלע אונ ניטיגער קלאססע, וואס האָבין נעבין זייא אונ פון זייא גילעבט אונ טאַקי צו א נדבה ווערין אויך ווייניגער געבערס. — דיא אייזענבאהן וואס ווירד אין קורצעם גיעפפענט פון קיעוו קיין בערדיטשוב, מיינען דיא מייסטען אז זיא וועט בערדיטשוב קיין טובה ניט טהון, דאס גישעפט וועט זיך קאָנצענטרירען אין קיעוו. מעגליך אז דיא באהן זאָלל ניצויגן ווערין, (וויא עס איז אים פלאן) ביז בריכק, וואָלט בערדיטשוב גיקענט אויפגילעבט ווערין, ווייל עס איז שוין דאָרט איינגיריבינע שפע. מיר גלויבען אז דיא קאפיטאליסטין זאָללין האָבין אביסיל ליבע צו זייער גיבורטסאָרט, וואָלטין זייא גיקאָנט ערהאלטין דיא בעדייטונג פון בערדיטשוב אונ רעטטין טויזענדער פאמיליען פון העכסטען עלענד, ווען זייא זאָללין באציטענס אנלעגין פאבריקען מיט דאמפפקראפט אונ געבין באשעפטיגונג פיעלע הענד. נאָך אים יאהרע 1860 (שרייבט דיא ענציקלאָפעדיע) זענין אין בערדיטשוב גיוועזין נעגין צוואנציג טויזענד יודען וואס האבין קיין שום בעשטיממטע זיכערע בעשעפטיגונגען ניט גיהאט, נאָר גילעבט פון דער לופט: פאקטורים, ראָד־נאָטשיקים וכרוסה ווינר־גישעפטין. מאן קאנן זיך מטער זיין וויפיל עס כוועזן זיין היינטיגע צייטען, וואס דער מעקלער האט ניט מיט וועמין א גישעפט צו שליסען. אין אמת זעהט מאן מאססען יודען זיך ארומדרייען אין גאס אָהן א שום בעשעפטיגונג. עס זענין דאָרט דאָ גענוג בעל מלאכות, וויא דיא סטאטיסטיק וועט צייגען וואס מיר וועלין צו לעצט געבין, נאָר פאר דיא היימישע זענין זייא איבערהייפט, פריעזשים קוממען פערהעלטניס־מעסיג ווייניג אונ זייער פאללקאָממענהייט אין דער מלאכה גייט ניט אזוי ווייט זייא זאָללין קעננין צוציהען שפעקולאנטין אויף זיירע פערטיגע סחורה, ובפרט זייא האָבין ניט אויף אויסלאָג פאבריקארטיגע ווערקשטעללין אנצולעגין. אייניגע טליתים אונ צינרהעלציל פאבריקען זענין אפילו יאָ פערהאנדין, דיא ערנעהרין טאַקי מעהרערע פאמיליען, עס ארבייטען בייא דיא טליתים יונגליך אונ בחורים, בייא דיא צינרהעלציל זענין מיידליך באשעפטיגט, נאָר וואס קלעקט דאס פאר אזא גרויסער באפעלקערונג. אָהן עין הרע וואס איז אזוי בידנע, אָרים אונ דאצו אזוי ווייניג פערזעהן מיט עפּיס א זיכערן שטאנד אונ אזוי פערוואהרלאָזט, בעפאללין מיט גרויסע סעמעיטעווים, פון יונגערהייט אָן אין עול, אונ דער אבערגלויבען, דיא שווערמעריא אונ חסידישער מיס־סיגאנג בענעהמען זייא גאָר דען לעצטין קוראזש.

ושנא את הרבנות, זאָללסט ליב האָבען דיא מלאכה אונ פיינד האָבען דאס רבנות, וויללט איהר קלינער, פרימטער זיין וויא אונזערע תנאים? קענן מאן דען ניט נעליף בלייבען אין אמתער יוד אונ געטרייער דעם גלויבען אונ דער נאציאָן, אז מען איז פערזאָרגט מיט א זיכערע פרנסה? עס איז שוין צייט זיך אריסצוקוקען! אויך דיא געמיינדע איז מחויב צו זאָרגען דערפאר עס זאָלל ניט אויסוואקסען א גאנץ נייא דור כאמע בטלנים; דאס דארף זיא טהון לטובת הכלל פון דער גאנצער מענשליכען געזעללשאפט, פון דער גאנצען מדינה, וואָרין אזעלכע וואס זענען ניט פערזעהן מיט עפיס א זיכערן שטאנד וועלכין דיא וועלט דארף האָבען, דיא פאללען צו לאסט דער מענשהייט, לעבען אויף פרעמדין חשבון, מהייל פשוט וויל מאן מוז זייא אויסהאלטען צי פון קהל'ס קאסע צי פון בעטלין, מהייל ווידער מיט זייער אומבערעכענטער אונוויסענדער שעדליכער קאָנקורענץ, דייא צעאקערן אונ פערדארבען א געשעפט; למשל, דאס פארהעלטניס פון קרעמער זאָלל זיין בערך דיא קונים, אונ יעדער קרעמער זאָלל זיין גוט גילערנט אין פראקטיציזט אין זיין פאך, וועט ער תמיד וויסען נענויא צו בערעכנין זיינע אָבאָראָטען מיט זיין הוצאה, אונ לויט דעם שטעללין פרייזען מיט פערדינסט; אנדערש איז אָבער אז א בית הכדרש יונגעל וויהד א כוחר מיט דיא עטליכע הונדערט קערבליך, ער איז קיין מבין אויף סחורה, ווייסט נישט וויפיל מאן קאָנן אָבזעטצין, וויפיל מאן דאַרף נעהמין ריוח אויף יערין ארטיקעל לויט זיין פערשלייס אונ סאָלידקייט, ווא איז ער אים שטאנד איינען איבערבליק צו האָבען איבער זיין געשעפט, דערוויל שארעט ער יענע געניטהע, אזוי אז ביידע פערלירען. דיא געמיינדע איז אויך מחויב צו פערזאָרגען, אָבצוהיטען עס זאָלל ניט זיין קיין חילול השם, עס זאָלל ניט מעהר בעליידיגט ווערין אונזער רעליגיע, דאס יודענטהום אונ דיא יודישע נאציאָן; עס איז שוין צייט מאן זאָלל איבערצייגען דיא רעגירונג אונ דיא פעלקער אונטער וועלכע מיר לעבען, אז שונאים האָבען אויסגעטראכט אויף אונזער תורה אז זיא הייסט חלילה בעטריגען אונ ראביוען גוים; מען דארף מיט אללע מעגליכע פאקטישע בעווייזע איבערצייגען, אז עס ליגט בשום אופן ניט אים יודישען נאציאָנאלין קאראקטער געוויססענלאָז צו האנדלין, פרעמדס אויף אונעהרליכער ארט אויסצוקאשפערן; אונ וועגן דאס איז גישעהן פאָרצייטענס זענען ניט אונזערע רעליגיעזע געזעטצע ניט אונזער נאציאָנאלע גרונדזעטצע דערינן שולדיג, נאָר דיא דאמאליגע געזעטצע וואס האָבען בעשרענקט דען יודען, דאָ זיטץ ניט, דאָ גייא נישט, צו דעם ריהר דיך ניט צו, מיט דעם דארפסט דו נישט האנדלין, דיא מלאכה טאָהרסט דו ניט בעטרייבין, פאר דעם מוזט דו צאָהלען שווערע נתינות הויך דיא וואס אנדערע איינוואָהנער טראָגין. איז בייא אזעלכע אומשטענדע עפיס א וואונדער אז דער בעדריקטער וואס וויל דאָך זיין הונגער שטיללען טהוט כל הסגלנות דיא נאטור צו בעפרידיגען; מעהרסטענטהיילס טהוט מאן עס אונבארעכענט, מאן קלערט נאָר בשעת מעשה ניט נאָך, מעג מען אָדער נישט; נויטה ברעכט אייזין איז איין אלט שפריכוואָרט; דיא ווירער וואס האבין יא געפיהלט, עס איז אומרעכט, דיא אינגערע רעליגיעזע שטימע האט זייא דערמאננט אז דאס איז בפירוש פערבאָטען; נאָר זייא האָבין זיך געזוכט א היתר: זייא האָבין זיך בעטראכט אז זייא זענין אויך מענשין גלייך מיט אללע, צום סוף נימט מאן זייא מענשליכע רעכטע וועג נאָר דער פאר וואס זייא זענין יודען, א מיטעל אויף דעם זייא שטאָלצירין, צוודאי האט זיך זייא גידאכט זייא מעגין זיך מיט חיטראָפט נעהמין ביים איינצעלנען דאס וואס דיא געזעללשאפט האט זייא פערבאָטען. נאָר אזוי ווא דיא צייטין האָבין זיך גיטודערט איז א מצוה בעווייזע





צו ליפערן אז וועגן א יוד האט זיך ערלויבט אין פריהערע צייטען א קריגט צו בערייסען, צו פערשווינדלין, איז דרינען ניט שולדיג געוועזין דער יוד, נאָר דער מענש, דאס הייסט דיא שוואכען פון דעם מענטליכען גייסט איבערהויפט אונטער אללע נאציאָנען, וואָרין נים איטליכער האט אזא שטאַרקייט אין זיך, איבערצוטראָגין א גאנץ לעבין מאנגעל אונ אונטערדריקונגען אונ באשטיק אויף דעם נסיון, גערולדיג אינ רוהיג נענין זיין שונא, נענין זיין אונטערדריקער נאָך עהרליך צו זיין. דאס איז פון א בשר ודם צו פיל גיפאָדערט. מען קאָנן דאפיר קיין רעליגיע ניט בעשולדיגען זיא קענן נאָר מאָראליש ווירקען, ובפרט דיא יודישע וואס האט קיין אנדער תקיפות. לאנדעסגיזעטצע וואס האָבין א פאָליציא איבערטרעטין ניט פילע אויס נויטה? דאס האט שוין לאנג אונזער תנא גיזאגט, יהי רצון שיהי מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם. הלואי איהר זאָללט פאר גאָטט אזוי מורא האָבין וויא פאר א מענש. אָט דאס איז היינטיגע צייטען אויף דיא געמיינדע מוטל צו דערוויזען אונ דאס. קאָנן נאָר גישעהן ווען זיא וועט ערנסט זאָרגין פאר דיא ערציהונג דער יוגענד, מקיים צו זיין דעם פסוק: חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקן לא יסור ממנה, ערציה דאס קינד נאָך זיין שטייגער (נאָך זיינע פעהיגקייט) וועט ער ניט פערלאָזין זיין שטאנד אפילו אויף דער עלטער; ניט ער וועט זיין א ליעליעקינד ביז צו דער תחונה, אז דאס איז גאר ניט פאר זיין מוח, דערנאָך ווארפט ער עס אוועק אויף תמיד אונ ווארפט זיך אויף אללע זייטען פון איין גישעפט צום אנדערן. מיט דעם ביישפיל וואָלט נידארפט בערדיטשוב פאָראנגעהן, וועט זיא האָבען דיא מצוה פון מוכה הרבים, וואָרין איהר וועלין נאָכטהון אללע געמיינדען אין יענע גובערניעס, דען פלאן עס זאָלל זיין רעכט פאר גאָטט אונ פאר לייט וועלין מיר שפעטער פאָרשלאָגין:

---

## הערשענדער גייסט אין דער געמיינדע

וויא מיר האָבין שוין אויבען בעמערקט איז שווער צו פארשטין אונ צו דערגין וויא אזוי עס האט זיך אויסגיבילדעט אין בערדיטשוב דער געמיינדע גייסט אונ קאראקטער אויף געשיכטליכער ענטוויקלונג, וויל עס פעהלין דיא נעטהיגע קוועללען דאצו: פינקסין, ספרים, האנדשריפטען, זעלבסט דאָקומענטע אין ארכיוען, וויא דער שטייגער איז אין אללע אלטע יודישע שטעדט. דאריבער מוז מען שליסען אז לאנגע יאָהרין איז דאָרט נאָר געוועזין א זאכטעלפלאַטץ פון שפעקולאנטין וואס האבין זיך אהין גיצויגען גליק צו זוכען, אָדער חאָטש דאס בעגליכע בעדערפניש לייכטער צו פערדינען; מען האט דאהער ניט גיזאָרגט פאר געמיינדע אַ'ענגעהייטען, נאָר אזוי וויט עס איז נעטהיג געוועזין בשעת מעשה, איטליכער איז געוועזין פערי... אין זיין גישעפט, טהייל האבין אפשר תחלת גאר ניט גיזענקט דאָרט צו בלייבען, נאָר געלד צו זאממלען אונ צוריקפאָהרין אין זיין געבורטסאָרט, גאנץ אלטע מיוחסים אונ וועלטבעריהמטע רבנים אָדער גדולים האָבין קיין בעזאָנדערעס אינטערעסע גיהאט זיך דאָרט צו בעזעטצין, דיא געמיינדע פארצייטענס האט אויך ניט געזוכט דווקא תקיפים גאונים איינצוזעהמין, אזוי אז דאס בערדיטשווער רבנות ביז צום „קדושת לוי" קליננט נישט אזוי וויא

אנדערע פיל קלײנערע שטעדט אונ װאָלהין אפילו, װיא למשל, אוסטראָהא, דובנא, לוצק, וכדומה. שולען אונ בתי מדרשים געפינט מען דאָרט קײנע אלטע גראָסאַרטיגע, װייל דער עולם איז גיטהײלט אין מנינים אָדער קלויזען, אזוי האט מאן זיך בעגנינט מיט מיטעלמעסיגע 'מורי הוראות', אבי בעקװעהמער אונ דיא נעטהיגע רעליגיעזע בעדירפניססע צו בעפרידיגען. נאָר אים אללגעמײנען זעהט מען אז דיא גימײנדע איז פון תחלת אָן בעשטאנען אים פּראָסטע מענשין װאס האבין זיך גיהאלטען אָן דיא רעליגיעזע פאָרשריפטין װעלכע האבין גיהערשט צו יענער צייט אללגעמײן אים יודענ־טהום, דאװינין אָבענדס אונ מאָרגעס בציבור װיא ניט איז, דאס איז דאס אײנציגע גיװעזין װאס האט קלײנע גימײנדען אין דער גאַנצער גימײנדע צוזאממענגיהאלטען, יעדע קלויז האט זאָגאר גימענט האָבין א װאָהלטהעטיגע חברה, װאס האט גיזאָרגט אונ געלד גיגעבין צו אײן נוטצליכען רעליגיעזען צװעק, דאָך פון אײן העכערן בעגריף אים גימײנדעװעזין, װיא א ײ ן גייסט בעהערשט אונ בעװעגט אללע מיטגלידער צו אײן ציל צו שטרעבין אונ צו ארבײטען אונ אָפּפער צו ברענגין צייט אונ געלד, פון אזא בעגריף געפינט מען קײנע שפורען אין אלטע צייטען. עס איז קײן צװייפעל אז אין יעדין דור האבין זיך געװיס געפונגען לייטישע נגידים, מיוחסים, לומדים אונ קלוגע עהרליכע בעלי בתים װאס האבין גילײטעט עהרליך אונ גוט דיא גימײנדע אנגילעגענהײטען; זײער װירקונג איז אָבער נאָר גיװעזין דען אויגענבליק צו בעפרידיגען, דאס נעטהיגסטע צו פערזאָרגען אָהן װעלכין מען האט זיך נישט גיקענט בעגײן, צי איז דאס גילעגין אין דיא אומשטענדע, אָדער אין דער פערשידענהײט דער קאראַקטערע פון דיא אללע מאָל נײע אנזעססיגע, אָדער אין. דער שװאכהײט פון דיא ערשטע גימײנדעפיהרער, קעננין מיר ניט דערגײן; אפשר זענין אללע 3 צוזאממען שולדיג, נאָר דאס זעהט מען דײטליך אז דעמאָלט האָבין דיא גרױסע ניט גיזאָרגט פאר שפּעטערע צײטען, זיך אונ זײער גימײנדע מאָנומענטע צו שטעלין, דורך גראָסאַרטיגע שולען אונ אנדערע גימײנדע הײזער. ביז פאָר קורצעם איז אפילו קײן אָרדענטליך הקדש ניט גיװעזין אונ דיא בײדע פאָרהאנדענע גימױערטע שולען זענין גאָר יונג, ערשט א פאָר דורות, אונ װענן עס איז פריהער דאָ גישטאַנגען א שול װיא דיא יעצינגע אויף דער אלטער שטאָדט, איז עס נאָר גיװעזין א הילצערנע, עס קאָנן זײן זיא איז עטליכע מאָהל אָבגיברענט גיװאָרין אונ װידער נײא אויפגיבויט, אזוי אז דער פלאַץ איז אײן אַלט מקום קדוש; דאָך דאס בעװײזט נאָך מעהר אז דיא גרױסע קהלה האט ניט גיהאט אזוי פיל אײפער, אזוי פיל גימײנגײסט, נאָכצוטהון פיל קלײנערע שטעדט פאר איהר אונ אין איהרע צײטען א גימױערטע גראָסאַרטיגע שול אויף לאַנגע צײטען צו פערזאָרגין.

װיא עס שײנט האט זיך דער בערדיטשובער קאראַקטער געבילדעט זײט דער צייט װאס ר׳ לוי יצחק ז״ל איז גיװאָרין רב. עס איז דאריבער קײן חידוש ניט װאס זײט דעמאָלט זענין אױך קײן בעזאָנדערס אױסגיצײכענטע גאָטטעס-הײזער אונ װאָהל־טהעטיגע אנשטאַלטען ניט געגרינדעט גיװאָרין, חאָטש בערדיטשוב האט א שם פאר װאָהלטהעטיגער שטאָדט. נאָר װער עס איז קלאָר אינ׳ם חסידישען גײסט װעט זיך נאָר ניט װאונדערן; עס איז בעקאנט, אז דער חסידיסמוס רײצט אזוי דיא פּהאַנטאַזיע נאָר אין הימעל צו לעבין, אז מען פערלירט גאָר דיא װעלט, זואס האט בײא פּאַ־נאַטיקער נאָר קײן װערטה נישט. דעם חסיד איז גאַנץ גענוג א קלײזיל ד׳ על ד׳, מעג עס אויסזעהן װיא שרעקליך, אבי ער קענן דאָרט פליעסקין אונ שפּרינגען; דער





איבריגער עולם װאס מיגען נאָר לשם שמים גערן נאָך דיא עטליכע גיהײליגטע פײער־דיגע רעדילפיהרער; דיא לײדיגגעהער אונ פליאסקעדריגים האבין נאָר אין זינגען, תיקון אונ נסים צו דערצעהלין; דערצו איז נאָר מסוגל אײן ענג שטיביל. דאריבער דאװינין חסידים קײן מאָל נישט אין קײן גרױסע שול אונ דאס איז דיא אורזאַכע װאס אין גרױסע שולען הערשט נאָך כמעט אומעטום דער נוסח אשכנז. דאנענין אין דיא ערטער װא עס איז פון אלטע צײטען ניט דאָ קײן שול, קױם האט דער חסידישער גײסט דאָרט איבערהאַנד גענומען װעט שוין קײן שול ניט גיבױעט װערין. אזוי איז אויך מיט אנדערע װיכטיגע גימײנדע אנשטאלטען. אז דער עיקר איז דער רבי, ער איז דיא שול, דאס בית המקדש, דאָרט װא ער דאװינט װאָהנט גאָט מיט דער גאַנצען פמליא של מעלה; ער איז דאס שפּיטאָל, װאָרין װער הײלט דענן קראַנקע אז ניט ער; ער איז דיא תלמוד תורה, מען דאַרף נאָר איהם אָנקוקען, װער שמועסט הערין זײן שלש־סעודות תורה, װירד שוין א מינדסטע קינד א למדן אין נגלה אונ אין נסתר. נאָ, דאַרף מען בױען אין חוץ לארץ גרױסע שולען, בתי חולים אונ תלמוד תורה׳ס אז דער רבי װעט באלד ארױבברענגין משיח; צו װאס דער קלאָפּאָט דיא שולען, דיא בתי מדרשים, זאָללען זיך דאַרפין מיטשלעפּין פון חוץ לארץ קײן ארץ ישראל? גלײכער מען בױעט דעם רבין א פאַלאַץ, איז דאָך אללעס אין אײנעם, דערװייל געהט ארײן אין זײן פאַלאַץ, אין זײנע קאַרעטעס אונ פערד, אין זײן ברײטען פיהרעכטס אין הויף, אין זײנע נבאים, אין זײנע קינדער אונ אײניקליך, דאס גאַנצע געלד, מעהר װיא יודען קעננין טראָגין, מעהר װיא פאַרצײטענס האבין גיקאָסט אין יודישע שטעדט אללע אנ־שטאַלטען, נאָך אזא שװערער נתינה (װארין נדבה קענן מען דאס ניט אָנרופען, מיר זענין איבערצײגט אז קײן 10 פּראָצענט גיבען ניט גערין מעמדות אונ פּדיונות, נאָר מען מוז, דער האט מורא פאר דעם נגיד, ער װעט אויף איהם קרום קוקען, דער עושר האט מורא מען זאָלל איהם ניט א פאקים טהון, דער דאַרף קרעדיט, דער װילל שײנע שידוכים טהון, לעת עתה היט זיך אײנער פאר דעם אנדערן אויסצוזאָגין, אונ ניט אָפט איבער דיא קרעפטע); איז זשע מעגליך נאָך אזעלכע שװערע נתינות דעם צדיק, אָדער בעססער גיזאַגט, דיא צדיקים, װארין מיט אײנעם בעגנינט זיך ניט דאס מינדעסטע שטעדטיל, איז מעגליך מען זאלל נאָך אין זינגען האבין צו זאָרגין פאר דיא שפּעטערע דורות מיט גרױסאַרטיגע אנשטאַלטען. נאָך זײער איבערצײגונג, נאָך זײער לעבענס־װײזע, נאָך זײערע בעגריפע איז פשוט א שטות א תכלית פערזאָרגין, ניט יעדער פאר זיך מיט זײנע אײגענע קינדער, מכל שכן אָבשטשעסטװא. דרינין ליגט דאכט זיך, נאָך אונזער מײנונג, דיא אורזאַכע װאס אין בערדיטשוב, אין דעם גרױסען אָרט פון גבירים אונ מתנדבים, האט מען דאָך ניט אויף װאס צו קוקען װאס זאלל רעפּרעזאַנטירען דיא גימײנדע.

נאָך ערגער איז גיװאָרין אין שפּעטערע צײטען, װאָלט דאָרט געבליבען א ײ ן הײליגער װאָלט דאָך דיא גאַנצע גימײנדע גיהאט אײן צענטראַל פּונקט, דיא נױשה װאָלט שוין מאַנכעס גישאַפט, מעג זײן װיא שלעכט, אַלץ עפּיס װאס זאלל עדות זאָגין אז מען האט גיזאָרגט פאר דעם כלל. דאס אומגליק איז אָבער, עס זענין גיטהײלט גיװאָרין דיא אײנװאָהנער אין פילע קלײנע אָבטהײלונגען, יעדע האלט זיך פון איהר צדיק, אונ האט זיך איהר קלײזיל, זאָרגט זיך מײנסטענס פאר איהרע לײט; קענן שוין גיזאָרגט װערין פאר כללית מינז אללגעמײנע אנשטאַלטען?

דיא גרויסע לייט אין דיא לעצטע דורות, דאס הייסט דיא עשירים, האס האבין בעהערשט דאס גישעפט, האבין משפיע גיוועזין פיעלע מענשין ארום זיך, האבין גיגעבין נדבות, האבין זיך גילאזט קאסטין אום איבעראלל חשוב צו זיין, דיא דאזיגע גרויסע זענין גיוועזין חסידים, חשובים בייא דעם אדער בייא יענעם גוטען יוד, צו האבין זייא עס ערנסט גימיינט; אדער עס האט זייא גיטויגט צו זייער גישעפט, צו זייער ראללע, דאס ווייסט נאר דער יורע מחשבות; דערווייל האבין זייא פערשטערקט דען גייסט דעם חסידיסמוס אין שטאדט, אונ פון דארט האט ער זיך פערברייטעט אויף דיא פראווינצען ארום אונ ארום. דאס מאכט שוין נישט אזוי פיל אויס, צי האלט מען פון דעם אדער פון יענעם צדיק, אבי מען גיהערט צו דער פאהן, אבי מען הייסט חסיד, וויל מען פאהרט אמאל צום רבין, מען גיט איהם געלד, מען דאווינט אין א חסידיש קלייזיל, מען מאכט מיט, מיט דער חברה, מען גיט תיקון, מען טאנצט שמחת בית השואבה, מען הערט אונ דערצעהלט נסים פון קדושים, מען האט א זוהר אין דער היים, חאטש מען מעג קיין עברי נישט קעננין אין איהם, מען קויפט חסידישע ספרים, מען בעגנוגט זיך ניט מיט דער מזוזה, דעם רבין'ס שמירה'לי בעווארינט בעססער פאר מזיקין, וכרומה מרות מיט וועלכע א חסיד צייכענט זיך אויס געגין א פראסטאק אדער געגין א לומדישען מתנגד.

דארט וואו עס הערשט שוין דער חסידישער גייסט, ווערד שוין נישט קיין שטאדט טהוער דער וואס איז פעהיג דערצו, דער וואס דיא גימיינדע האט זיך איבערצייגט אז ער איז באמת קלוג אונ נעניטה אין קהל'ס זאכין אונ מיינט עס ערינסט לטובת הכלל; דארט האט מען בלינדעס צוטרויען צו דעם וואס האט זיך פערשטאנגען איינצושטייכלין ביים גרעסטין גוטען יוד, דאס הייסט, בייא דעם צדיק וואס האט גראד דארט פיל אנהעננער, אדער ער האט געווינען עטליכע צדיקים פאר זיך, וואס לויבען איהם. איינער אדער עטליכע צועלכע חשובים פיהרען ארום גיוועהנליך א גאנצע שטאדט בייא דער נאז. דער פראסטע עולם וועט גאר ניט וואגען מהרהר צו זיין נאך זייא; דיא עטליכע טעהר בעמיטטעלטע אדער געניטהערע קלוגערע, זאגאר לומדים, וואס פער-שטעהען יא איין עסק אונ וואלטין זיך גערין ארויסגישטעללט; נאר אנבעדער זייא האבין פשוט מורא, מען וועט זייא דאקוטשין אונ זייא וועלין גאר ניט איספיהרען, ווארין דיא מאססע וועט תמיד האלטען מיט יענע; אדער מען בעווארינט זיך פריהער אונ שלעפט זייא מיט אין קאהן אריין, מען טהיילט זייא אויך צו א שטיקל כבוד, א התמנות, אבי שווייג. מיר ווילען ניט גערארע בעהויפטען אז איבעראלל איז צו יעדער צייט געשיהט מיסברויך; מיר דענקין קיינעם וועגם אז חסידים קעננין נאר גאר ניט עהרליך זיין אונ זענין גאר ניט פעהיג צו גימיינדע-אנגילעגענהייטין; דאס זענין פאר-אורטהיילע אזוי גוט וויא דיא חסידישע געגין אויפגיקלערטע אז אללע זענין הולטאיעס. דיא זאך איז, מעהרסטענטהיילס זענין זייא נאר פעהיג, לויט איהרע גרונדזעטצע, דען אויגענבליק צו בעפרידיגען, זייא נייען אויס פון דעם פרינציפ — דער יוד איז אין גלות, מען דארף ניט פערזארגין דיא וועלט, אבי דאס יודישקייט צו ערהאלטען; דיא לאנדעסשפראכע קעננין זייא נישט, וויל מען טאר ניט מסיח דעת זיין פון חסידות, אונ דיא זאכין זענין מבלבל דיא מוחות אונ קעננין חלילה פערפיהרען צו דער סטרא אחרא. זייא קעננין דאריבער ניט אויסווירקען מיט שכל עס זאלל כשר גיין,

דיא



זייא צינטערין פאר א רויטהען קאלנער, אונ פאר דער עהרליכסטער זאך מיזען זייא דאס מויל פערשטופען. דיא וואס דרעהען זיך ארום זייא מעגין טיין מאכין מיסברויך, מען קען פון זייא קיין חשבון ניט פערלאנגען, וויל מען קענן אללין קיין חשבון ניט אבגעבין; דאבייא איז דאך א יודישער כלל: "א חוקה טאר מען ניט ברעכין"; היינט ווידער א יורען חשד זיין אז ער איז עוסק בצרכי ציבור ניט באמונה, איז איין עבירה; אז ער גנביסט דערפון — מהיכי תיתא, עס איז א מצוה איין עהרליכער יוד זאלל האבין פרנסה פון קהל. אויב ער איז ווערטה אזוי פיל וויפיל ער נעהמט זיך אויף צו לעבין אונ יונגע קינדער תתונה צו מאכין, גרויסע שידוכים טהון, קעסט געבין אויף קהל'ס חשבון אונ נאך אוועקלייגין, דאס קלערט קיינער נישט נאך. אויף דעם שטייגער וואקסען ארויס אללע אונארדנונגען אין דיא יודישע גימיינדען וואס פערלאזין זיך אויף זייערע רערעלפיהרער, וועלכע זענען מסמך פונ'ם צדיק, אזוי גט וויא דער רב, דער דיין אונ דער שוחט.

בערדיטשוב איז א צייט מיט יאהרין גישטאננען אונטער אזא פראטעקציע, אונ אללע גימיינדע-אנגילעגענהייטען זענין גיוועזין וויא א מאנאפאל בייא איינגען אדער איר־נעם. א מעכטינען איינפלוסרייכען, וואס וויא גוט זייא האבין עס גימעגט מיינען, פון בעססערער ארדנונג האט נישט גיקענט זיין דיא רעדע, אונ דיא וואס זענין קלאר גיוועזין אין דיא סורות. אונ זענין ניט אזוי געוויסענהאפט גיוועזין, האבין דערפון נוטצען גיצויגין פאר זיך. דיא ווייניגע געבילדעטע וואס זענין דארט צופעללינ פערווארפען גיווארין, האבין געמוזט שווייגען, ענטוועדער זייא זענין אבהענגיג גיוועזין פון דיא גרויסע, פון דער מאססע; אדער זייא האבין נאר געציטטערט צו וואגען מיט דעם לעבין, זייא זענין צופרירען גיוועזין מען לאזט זייא עקסיסטירען, אונ אז זייא האבין גיוואגט אונ זיך אנגערופען, ווער האט זייא גיהערט. עס האט נעמוזט א בעזאנדערער צופאלל זיין, איין מעכטיגע האנר זאלל גראד שוואך ווערין אונ איידער איין אנדערער פון דעם גייסט האט גענומען דיא ציגעל פון דער גימיינדע אין דיא הענד, האבין זיך דיא עטליכע אויפגיקלערטע גישטעללט אונטער דער פאהן פון איינער אנדערן מעכטיגען האנד, וואס גיהער צו דער פארטשריטס-פארטהייא אונ האבין אוכפיעט א קאפ אויפ-צוהייבען. נאר דאס האט מיט געווירקט אויף דען אללגעמיין הערשענדין גייסט אין דער גימיינדע. איצט וויא פריהער איז פארהערשענד דער הסידיסמוס. דיא עטליכע געביל-דעטע מיט זייער טעמפעל אונ אנשטאלטען שטעהן וויא אויסגישלאססען אוים דעם כלל, דאריבער ווירקען זייא אייך וועניג אויף דער מאססע. טהייל וואס וואלטען זיך גערין אויסגיפיינט אונ ווילען יוצא זיין פאר אללע צדדים, זאגין, בכן דיא אויפגיקלערטע זענין אין מאנכע זאכען צו וויט גיגאנגין. מיר וועלין נאך גילעגענהייט האבין איבער דיא איינצעלנהייטין צו רעדין, אונ אין טהייל זאכען וועלין מיר אונפארטהייאיש אונ אונ-אפהענגינג אויף טאנכע זאכין אויפמערקזאם מאכען וואס זענין פריהצייטיג אדער גאר איבערפליססיג. שווערליך גלויבען מיר אבער, אז זייא זאללען אפילו אללעס נאכ-געבין וואס דיא צווייפנימדיגע זאגין אויב זייא וואלטין צוגישטאנגען צו דיא געבילדעטע, חיבא זייא זאללין אים טעגליך איינפיהרען נוסח ספרד מיט גלייכע פושקעליך אויף דעם בעקאנטען וואססער, פליעסקין אונ טרינקען תיקון, א חזן נאר צו נעהמען דעם וואס דער רבי רעקאמאנדירט, אונ איבערהויפט צאהלין שטייער עפיס וואס ניט איז א צדיק אונ בכלל האלטען פון גוטע יוט

אינדעססען

אינדעססען דער ציייטגייסט טהוט זיינס, אביסיל האבין אויך איינפלוס גיהאט דיא
נעבילדעטע מענשין, אביסיל דיא שולען, אביסיל דיא לעהרער, אביסיל דיא יודישע
צייטונגען, בעזאָנדערס וויא מעהרערע האבין אונז פערזיכערט, דער „המליץ" (מיר
פראהלען נישט דערמיט, נאָר דיא וואהרהייט איז, וויל דער „המליץ" רעדט דייטליך
ארויס וואס ער מיינט אונ דענקט), אביסיל בייא פראָסטערע דער „קול מבשר" אביסיל.
אז עס איז צופעלליג א יונגען מאנן אריינגיפאללען אין דיא הענד עפּיס א נייא ספר'יל,
עפּיס א ביכעל. אויף דער ערט טרעפט מען שוין טהייל יורען עלטערע, דווקא אין
דער לאנגען קאפאָטע, וואס דענקט שוין גאר אנדערש; אויך יונגע לייט וואס בעהאל-
טען זיך אונ לערנין גאנץ גישמאק העברעאיש, רוסיש, טהייל אויך דייטש, מאנכע
אויך וויססענשאפטען קיינער זאלל ניט וויססען. אזעלכע עלטערע מענשין אונ יונגע לייט
זענין צו אונז געקומסען, שפעט אין דער נאכט, קיינער זאלל זייא ניט זעהן, בעזאָנדערס
דיא יונגע האבין זיך שואל בעצה גיוועזין וואס פאר א וועג זייא זאללין איינשלאָגין.
נאטירליך אונטער דער חסידישען דעק בריהען זיך אויס היינטיג וועלטיגע גיראנקען, נאָר אליץ
איז דער גייסט דעם חסידיסמוס דער פאָרהערשענדע, אונ נאך לאנג וועט עס דויערן
אידער דער יאָך ווירד געבראָכען ווערין. דאס איז א בעקוועהם אונ וואָלוויל מיטטעל,
צו טהון וואס דאס הארץ בענעהרט אונ דאָך א שיינער יוד א חסיד צו זיין.

נאָך דער בעמערקונג איז אונז פערענטווערט גיווארין א הארבער פסוק וואס מיר
האבין קיין מאל ניט פערשטאנגען, רבש"ע שיקט יונה הנביא קיין נינוה אונ זאגט איהם
בפירוש, זיא איז זעהר זינדיג, צום סוף רופט ער זיא אָן „עיר גדולה ל א ל ה י ם".
נאר עס איז רעכט, מען האט דאָרט גימעגט טהון אלדעס בייז אבי אונטער דען מאנ-
טעל „לשם שמים", בכלל איז זיא דאָך גיוועזין איין עהרליכע גימיינדע, א סימן יונה'ס
ווערטער האבין גיפועלט, זייא האבין תשובה געטהון.

---

## רעליגיעזע אונ וואהלטהעטיגע אנשטאלטען.

דער חסידיסמוס האט אין בערדיטשוב זיינע אייגענטהימליכע זיטטען, זיין בענעה-
מען, זיין פאָרם מלבושים, פון וועלכע עס קענן זיך ניט אבגיוועהנען דיא וואס דענקען
שוין אנדערש, אזוי לאנג זייא וויללען ניט אָפּפען צושטעהן צו דיא דייטשען, אין דער
קליידונג איז א געמיש פון רוסיש מיט אלט יודיש. נאָר בייא מעננער איז נאָך א
האלבע לייד, פרויען איז גאר אשבעק אנצוקוקען, בעזאָנדערס דיא קאָפּבעדעקונג.
הונדערטער אַרטען הייבליך מיט טשאטשקים אונ בונטע פארבען, אויפגיזעצטע פּארי-
קען פון האָאָר אדער פון פעל, אדער נאר האָארבאנד, נאך דעם גראד דער פרימקייט,
אז עס ענשטעללט דיא פניטער.

דיא גרויסע שול אין דער אלטען שטאדט איז גיבויעט פון ציגעל, זיא שטעהט
אין איין ענג אובריין געסיל, דיא ארכיטעקטור איז ניכטס בעזאָנדערעס, נאר אין
דעם איז צופעלליג דער פלאן עהנליך דיא נייע קאָהרשולען, וואס דיא וויבערישע
שולען זענין ניט אויך אונטען, נאר אויבען געשטיצט אויף זיילען אונ אונטער דיא זיילען
דאווינין



דאווינען מעננער. דיא שול איז ניט אלט, אים גאנצין א יאָהר 31 לויט דעם פרט
וואָס געפינגט זיך אויף דער וואנד (תקצ"ח), וויא מיר האָבין שוין בעמערקט איז דאָ
פריהער געוועזען א הילצערנע. דאָס וואונדערט אונז נאָך מעהר, אז זיא איז יאָ געבויעט
געוואָרין ערשט פאר העכער 30 יאָהר, דעמעלט איז דאָך בערדיטשוב געוועזען אים
העכסטין וואָהלשטאנד אונ האָט געהאט גרויסע גבירים נדיבים, פאר וואס האָבען דיא
נישט אויפגעבויעט אזא איטפאָזאנטע גראָססארטיגע שול וויא עס פאסט אזא גרויסער
יודישע געמיינדע? דער תירוץ געפינט זיך שוין איבין. פאר דיא טרעפ פונ'ם ארון
קודש זענין פון אייזערנע שטאנגין גימאכט וויא 2 טהירליך; וואָס דיא בעוועגליכע גראטעס בע-
דייטען, קענען מיר זיך ניט ערקלערען, פאר א גנב איז דאָס קיין בעוואָרניש ניט, קיין
פערציערונג איז עס אויך נישט. נאר פהאנטזיע טרעפט מען בייא יורען אין דיא שולען!
פאללט איין א גבאי עפּיס צו מאכען, אבי עס זאָלל ניט א פנים האָבין חלילה וויא א
דייטשע שול איז אליץ כשר. איבריגענס דאָס איז נאָך צו דערליידען, וועניגסטענס איז
דרינין נישט דאָ דערווידער דעם יודישקייט, עס איז גלאט חזק. ערגער א סאך איז דיא
מאלערייא. אויף דעם סקלעפ: פליצום זענין דאָרט אויס געמאָלט דיא 12 מזלות.
דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לעבען זעהען מיר אזעלכע פיגורען אין א יודישער שול, אונ
מיר האָבען שוין נאָכט זייא דאנק זיך אָנגעזעהן גענוג אלטע אונ נייע שולען, מען האט
דאָס מוסטער גענומען ארויסגעהמען פון א פאָרצייטיגיש וויענער מחזור מיט וויבעריש טייטש,
אונ האָט געמיינט אז דיא באָבע האָט זיך גענקאָכעט אָן דעם מחזור בייא גשם אונ טל,
איז דאָס שאָן אין א שול אריין פאר א פערציערונג. מען האָט אָבער נישט בערעכענט
אז דער פרעמדער קריסט וואס איז געוואָהנט אללע געמעלהען אין זיין קירכע צו בעט-
ראכטען פאר הייליגען בילדער, קענן מיינען, יורען זענין חס וחלילה עובדי כוכבים ומזלות.
מזל דגים זענין גאָר אויסגעמאָלט 3 פיש דורכגעפלאָכטען אין איינעם, חאָטש אומעטום
ווערין נאָר 2 געצייכענט; חוץ דעם פערלעצט עס דאָס יודישע צניעות אין שול צו
זעהן אָבגעמאָלט דאס מזל תאומים — צווייא נאקעטע מענשליכע פיגורען; גאך
ערגער איז מזל בתולה, פשוט איז פשוט א נאקעטע טויר. וואס דאָ טהוט זיך פאר
א ליטרעם אז א יונג ווייבעל קוממט מיט א געבלעסטען האלז אָדער מיט איינגע האָאר
אין שול, אונ א געמאָהלטע נאקעטע פאנע איז רעכט! — וועניג האָבין שוין אונזערע
אלטע רבנים געשריעגען נאָגעוואלט געגען אללע פיגורין אין שול, זייא זענין געבוך זעהר
גערעכט, עס איז דאָך בפירוש א דין אים צווייטען דיבור פון דיא עשרת הדברות וואָס
אונזערע זיידעס האָבין מיט זייערע אייגענע אויהרען געהערט פון גאָטטעס מויל אויף דעם
בארג סיני: לא תעשה לך פסל וכל תמונה כו'. דוא זאָלסט דיר נישט מאכען קיין גע-
שניצטעס געגאָססענעס אָדער געהויעטעס בילד, ניט קיין געשטאלט פון דעם וואס געפינגט
זיך אים הימטעל אויבין, אונ אויף דער ערד אונטין אונ אים וואסער אונטער דער ערד.
דיא מקובלים האָבין מתיר געוועזען פיגורין פון דיא חיות הקודש, אונ דאָס נאָר פון דרייא:
לייב, אָדלער אונ אָקס, קיין מענשען פיגור אוודאי ניט. וואס פאר א קבלה האָבין דיא
גבאים פון דער בערדיטשובער שיל וואָס פאר זייא איז גאָר מותר אפילו נאקעטע בתולות,
מיר פאָדערען אויף דיא דאָרטיגע מורה הוראות, בעזאָנדערס וועלכע זינד קלוגע יודין
דאס זייא זאָללין הייסין דיא געשמעגבילדער פערשטירען, עס איז אויף זייא דער ת"ב
מטל אזעלכע ווידער געזעטצליכע זאכין ניט צו דערלאָזען. עבענזאָ זאָל מען פון דער
מערב

מערב זייט איבער דער פרויען שול פערוויסען דיא בליזמרישע אינסטרומענטען. עס איז
נאר א חרפה אונ א בושה אין א שול צו זעהן אויס געמאהלט א פידעלי, א באס, א קלאר-
נעט, א פלעהטע, א פויק, מיט קליינע מארשאלקאווסקי האנד־פייקליך אונ טעטצליך,
וואס מען קלאפט צו צום טאקט בשעת מען פיהרט פון דער חופה, גלייך וויא דא וואלט
געוואהנט א כלי־זמר, אדער איין אינסטרומענטען פאבריקאנט וואס הענגען ארויס א שילד
(וויוועסקי)! דערבייא ווייזט מען ארויס דאס גרויסע עס־הארציסקייט, אונטער דיא אינסט-
רומענטע איז געשריבען: על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו איך נשיר כו'. שקר וכזב,
פון דיא אללע אינסטרומענטע איז קיין איינציגס ניט געוועזען געברויכט אין בית המקדש,
אונ ווידער הארט מען דיא כלים אללע טאג כמעט בייא דער אייגענער שול צו דיא חופות;
צו וואס זאגט איהר א ליגענד אז איהר האט דיא דאזיגע אינסטרומענטע אויפגעהאנגען
אויף דיא ווייךענביימער אין בבל? אן דער פויק קעננט מען געווים אז זיא איז ניט
פון בית המקדש ארויסגענומען דאס מוסטער, לייענט חאטש דעם יוסיפון אויף עברי
טייטש וועט איהר זעהן אז יודען האבען זיך דאס לעבין איינגעשטעללט אונ ניט אריין
געלאזט דיא ראמישע פאהן מיט זייער הערב, מכל שכן נאך אויף דער פויק אין בית
המקדש! מיר האבען שוין ניט איין מאל אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם מנהג בייא יודען
קיינע בילדער אין דער שול אריין צו שטעללען. לאזט אנשטענדיג בעטען דיא תפלה הנותן
תשועה פאר אונזער מילדטהעטיגען קאיסער מיט זיין ערהאבענער פאמיליע, א כלל
אללעס צו זאמען בעווייזט דען שענען געשמאק אונ וואס בייא דעם דארטיגען פובליקום
הייסט פאססענד אונ יוריש צו פערציערען גאטטס הויז. וויא לאנג נאך וועלין אונזערע ברידער
ניט וויססען אז דאס איינפאכע איז דאס פאססענדסטע פאר אונזער רעליגיע, זיא צייכענט
זיך נאר דערמיט אויס. משה רבינו ע"ה זאגט בפירוש אין משנה תורה (ס' דברים ד' ט"ו,
פרשת ואתחנן) ונשמרתם מאד לנפשותיכם כי לא ראיתם כל תמונה ביום דבר ה' אליכם
בחרב מתוך האש כו': איהר זאלט אייך זעהר היטען פאר אייערע נפשות, ווארין איהר
האט נישט געזעהען קיין שום בילד אין דעם טאג וואס גאטט האט מיט אייך גערעט אין
חורב דורך דעם פייער", ער רעכענט ווייטער אויס: קיין שום פיגור, ניט קיין בילד פון
א זכר אדער א נקבה, ניט פון קיין שום בהמה וואס געפינט זיך אויף דער ערד, ניט פון
קיין שום פויגיל וואס פליהט אים הימעל, ניט פון קיין שום קריעכענדעס (רמש) אין דער
ערד, ניט פון קיין שום פיש אים וואסער, ניט פון קיין זונן אדער לבנה אדער שטערן.
אונזר רעליגיע בעשטעהט מעהר וויא 3000 יאהר, נאר אויף דעם פרינציפ אז גאטט
קענן קיין לעבענדיגער מענש ניט בענרייפין וויא ער זעהט אויס, קיין הייליגע פערמיט-
טלער צו גאטט האבין מיר קיין מאל נישט געהאט, ניט לעבעדיגע בעשעפענישין ניט
הימלישע קערפער ניט גייסטיגע וועזען, אפילו משה רבינו האט נאר ביים לעבין טליץ
געוועזין אויף יודען, קוים איז ער געשטארבען האט קיינער ניט געטארט וויססען וואו ער
ליעגט, מען זאל איהם ניט מאכען פאר א הייליגען, לויפין אויף זיין קבר אונ איהם גע-
ברויכין פאר א פירשפרעכער צו גאטט, ווייל דיא תורה האט געוואלט יעדער יוד יעדער
מענש זאלל זיך ערנסט ווענדען צו גאטט אליין אהן א מעקלער וועט ער איהם דערהערין.
אונזער משכן, אונזערע בתי מקדשים האבין זיך אויסגעצייכינט מיט זייער איינפאכהייט,
קיין שום פיגור האט מען דארט ניט בעמערקט, אויסער דיא כרובים אים משכן אונ אים
ערשטין

ערשטען בית המקדש, וואס מען ווייסט ער היום נישט וויא זייא האבען אויס געזעהן אינ
וואס זייא האבען בעדייטעט; אים בית שני איז שוין קיין ארון אונ קיין כרובים ניט
געוועזין נאר א שטיין איז דארט געלעגן (אבן שתיה). אים ערשטען בית המקדש האט
שלמה המלך נאר אים פארהויז געשטעללט דען כיור אויף לייבען, אבער ניט אינגעווייניג.
פון וואנין האבין זיך בייא יודען גענומען דיא וועווריקים מיט דיא הערשען לייבין וכדומה
צורות אויף דיא מנורות, וואס איז מן התורה שטרענג פערבאטען? בייא דיא קאטאליקין
ציערט מען דיא קירכע מיט מאלערייען פון ביבלישע אונ עוואנגעלישע געשיכטען, נאר
דארט האט עס איינען אנדערן זינן— דיא טהייערע אלגעמעלדען פון דיא גרעסטע קינסט-
לער ווירקען אויף דער איינבילדונגס־קראפט אונ ערוועקען דאס פאלק צור אנדאכט צו
פרוממקייט. אבער בייא יודען טאר מען דאס נישט, אונזער תורה'לי, אונזער סידוריל,
אונזערע טהייערע אונ ריהרענדע געבעטע דארפין וועקען אונזער הארץ ערנסט אונ אנדעכ-
טיג, אונזער ווילע צו דערהייבען צו גאטט; נאר דער בעגריף פון זיין אונזיכטבארען
גאטט דארף אונז איינפלעסען עהרפורכט פאר איהם, קיין שום בילד, קיין שום פיגור
טאר ניט דיענען אלס מיטטעל אונז אן גאטט צו דערמאנגען: אונ דיא זיסע מאלערייא
פון א יודישין פארבער מיט וואססער פארבען אויף שטיקאטורקע, האט טאקע דיא קראפט
צו ווירקען אויף דיא חושים, אפילו אז אונזער רעליגיע זאלל עס ערלויבען. זעהט
איהר א שענער ארכיטעקטור, איננעווייניג גלאט אונ איינפאך מיט געשמאק פערציערט,
עבט וויים אנגעשטריכען, דאס ענטשפריכט וואהרהאפט דען גייסט פון אונזער רעליגיע;
דאס וואס אזעלכע אבשייליכע פיגורין קאסטען, וואלט גלייכער געוועזין בעססער אללע
יאהר דיא שול לאזין גוט אויסווייסען, וואלט פערשפארט אזוי פיעל שטויב אזוי פיעל
קאפיטש פערטונקלין דאס זאגענאנטע קליינע בית המקדש.

לאמיר שוין אוועקלעגין דיא ווענד מיט זייערע העסליכע ניכט יודישע פערציערונגען,
אונ בעטראכטען דיא ארדנונג אונ איינריכטונג מיט מנהגים וואס דארט הערשין. מילא
פינ'ם פראטש האט מען ניט צו רעדען אז ער שפיעלט דארט א גרויסע ראללע. מיר,
וואס זענין שוין אבגעוואהנט לאנגע יאהרין פון דעם פורכטבארען אינסטרומענט, האבען
יעדעס מאל אבגעדריגעט אז אונזערע אויערין זענין ערשיטערט געווארין פון דעם שרעקליכען
הילעך וואס דער קלאפ פון דער לאפאטע האט געגעבין אויף א ספר. דער שמש אויף
דעם בעלעממער ביים שלחן האט אונז אויסגעוויזען וויא א וועשין וואס האקט אין גרעט
אריין מיט דעם פראלניק. צו דערמיט האלט מען דיא דיסציפלין אין א שול? אונ
יודען דאס אויסשליעסליך רעליגעזע פאלק האבען אלליין קיין אבשייא אונ קיין דרך
ארץ, אז מען מוז זייא נאר דערטאננען מיט א העכערן ליארעם וואס זאלל אללע שטים-
מען בעטייבען? צום סוף נאך אללעס איז דאך ערשט א געזעמעל, ניט חלילה אזוי
פון דעם דאווענען נאר פונ'ם רעדין, פונ'ם גערויש פון קינדערליך אהן אויפזיכט, גלאט
א געפילדער אז מען הערט דעם חזן נישט. אט גיט דער שמש עטליכע קלעפ מיט דעם
פראטש ווירד איין אויגענבליק שקטה שטילל, באלד הייבט אן ווייטער ושימען, אללע מאל
שטארקער אונ שטארקער. אללע כמעט בעלי בתים כאפען אויס זייער האנר א
פראטש אונ פאטשען דעם סידור, דאס חומש אדער דעם שטענדער, דער וויל איז א
געקלאפעריא וויא פורים המנין, ביז דער שמש ניט ווידער א טראסק, אונ דאס דורערט
איבער דעם גאנצען דאווינען. אפשר זאלל מען אויף דעם אויך זאגין „מנהגן של ישראל
תורה

שולדיג, וויא האבין צו טוהן מיט אַ שווערען בעל דבר, וויא האבין שוין גיוואָלט אבקיפען ביים איינגענטהימער דען פלאטץ, נאָר מען קענן מיט איהם קיין מאָל ניט קומען צו איין עק. וועהרענד אונזער אנוועזענהייט האט מען מיט איהם ווידער אונטער האנדעלט, מיר ווילען לעת עתה איהם פערשווינען, ווייל עס האט געהאלטען בייא אַ פערגלייך, אפשר וועלין וויא מיט איהם גימליך פערטיג ווערין, וועגן נישט דארף מען איהם ארויס שטעללען מיט דעם נאָמען פאר אַ <u>שכן רע אין דיא צייטונגען</u>, וואס האט קיין געפיהל נישט או דאס איז דיא גרעסטע עבירה, אַ מקום קדוש אזוי צו בעלידיגען. איבריגענס פערשטעהן מיר נישט פאר וואס מען בעט נישט דיא רעגירונג זיא זאָלל איהם צווינגען דאס מיסט ארויס צו פיהרען אונ דען פלאטץ ארומצוימען מיט אַ וואנד; עס איז דאָך זעהר שעדליך פאר אללע איינוואָהנער ארום.

# דיא קאָהר שול

מיר זענין ווייט דערפון צו גלויבען או אללע יודישע שולען מוזין אזוי איינגעפיהרט זיין, נישט איטליכע געמיינדע איז אים שטאנד אזא שול אויסצוהאלטען, אַ קאָהר אונ אַ מוזיקאליש געבילדעטער קאנטאָר קאָסטין פיעל געלד, איינם העטטען מיר יאָ געווינשט אז יודען אין אללע שטעדט זאָללען זיך אַ ראיה נעהמען פון דיא אויפגעקלערטע, אָדער פון דיא דייטשען וויא זייא רופען זייא אָן, אָרדנונג אונ ריינליכקייט איינצופיהרען אין דיא פראָסטע שולען אונ בתי מדרשים. אָהן קאָהר, דאס קאָסט שוין נישט טהייער אונ איז אוודאי נישט נעגען יודישקייט לכל הדעות, פערקעהרט עס איז אַ חיוב, אַ מצוה, מיר שטעללען זיא דאָך בעזונדער, ווייל זיא שטעהט אויך אין בערדיטשוב אבגעזונדערט, דיא דאָרטיגע חסידים בעטראכטין זיא נאָך צום בעדויערען נישט פאר קיין מקום קדוש, אויסער דעם האט דא פאר זיך איין איינענע געשיכטע וואס דארף פאר זיך בעשריבען ווערין. פון דער קאָהר שול וועהט מען ארויס וואס ערנסט אונ אייפער קעננען בעווירקען, אז עטליכע געבילדעטע מענשין האבין געקענט אויספיהען אַ שעהן געביידע אין קורצער צייט אויסצובויען, דיא ערלויבנים פון דער רעגירונג צו ערהאלטען, אונ זיא פיין אונ אָרדענטליך צו ערהאלטען, וויא? אין בערדיטשוב ווא דיא גרויסע מאַססע הענגט אָן דעם חסידיסמוס, אונ דיא מענטשינע אין שטאדט קוקען אויף איהר מיט קרומע אויגען, אונ העטטען גווים פערהינדערט דען בויא אונ דיא עקסיסטענץ פון דער קאָהר שול, אין וועלכער זייער פוס קוממט נישט אריין, אונ אין הארצין האלטען זייא פאר נישט בכלל יוד דעם ייאס געהט דאָרט אריין אַ קוק טוהן אָדער בייוואָהנען אפילו אַ צערעמאָניע, ניט נאָר אווינין.

ווייט איינינע יאָהר האָבין דיא וועניגע היינטוועלטיגע געפיהלט דאס בעדירפנים פון אַ גערעגעלטין גאָטטעסדינסט, עס איז קיין וואונדער נישט אז מענשין וואס דענקען אייראָפעאיש, זאָללען זיך קעננען געפיננען צווישען אזעלכע וואס קוקען אויף זייא וויא אַ יוד אויף אַ בייז משכון. אונ גלאט ווער עס האָט נאָר עפים געשמאַק קענן שוין נישט איבערטראָגען דאָם געשוועטץ, דען ליארם, דיא אונאָרדנונג, דאס קלאפען, דאס טאנצין, דאס



דאס פליעסקן, דאס געוואלטיווען אין דיא קלויזען. ווען דיא עלטע פרוממע זאָללען דאס וועללען בערעכנען, וואָלטען זייא גיזארפט לויבען דאס יודישע הארץ פון דיא אויפגעקלערטע, אז דאס פינטעלע יוד האָב... א אַ בראָט נעטהון ניט צו וכאלעווען קיין געלד אונ קיין מיה זיך אַ גאָטטעסדיענסט איינצוריכטען; אויף דער אָרדנונג אונ דער ריינקייט קענען זייא נאָר קיין פעהלער נישט אויסזעטצין.

עס פערדיענען בעזאָנדערס געלויבט צו ווערין צוויא פערזאָנען, דער גביר דער נרבן ר' משה יצחק הורוויץ, אונ דער אייפריגע בעפערדערער דער בילדונג ד"ר ראָטטענבערג, דער ערשטע מיט זיין אָפפענער האנד אונ זיין איינפלוס בייא דער רעגירונג, דער אנדערער דורך זיין פלייס, גוטען ווילען, אויפגעקלערטען גייסט, אונ דורך זיין בערייטוויללינקייט צייט אונ מיה אויך געלד צו אָפפערן צו יעדער גוטע זאכע, (ד"ר ראָטטענבערג אונ ה' אויערבאך זענין ביז איצט אייפריגע פלייסיגע גבאים), צו זייא זענין נאָך איינינע טהעטיגע מענשין צוגעשטאנגען אונ מיטגעהאָלפין, ביז עס איז זייא געלינגען תחלת אין אַ געמיטהעט לאָקאַל אַ גערעגעלטען גאָטטעסדיענסט איינצוריכטען, אונ האבין עס אויף דער ארט מיט שווערע אָפפער אונ מיה עטליכע יאָהר ערהאלטען. באלד האבען זייא אָבער אָנגעהויבען פיהלען אז זייא פעהלט דער עיקר, איין איינען לאָקאַל. ווער וואָלט זיך געקעננט פאָרשטעללען אז דער גאָרשטש מענשין, מעהרסטענטהיילס נישט זעהר בעמיטטעלטע, וועלין קעננען דאס אויספיהרען. אין <u>בערדיטשוב איז עס אָבער גענאנגען וויא מיט עלעקטעריציטעט</u>; אין 2 יאָהר איז ארויסגעוואכסען זעהר א שעהנער טעמפיל אויף דער נייעסטען ארט, פון ציעגעל געבויעט, אויף דער גרעניץ פון דער נייער שטאָדט; דער איינגאנג איז אָבער אָפפען צו דער אלטער שטאָדט. דיא שול האט געקאָסט ביז 17 טויזענד רובל, בייגאָהע דיא העלפט האָט דערצו נעשטייערט רמ"י הורוויץ, דאס איבריגע האט ד"ר ראָטטענבערג אונ זיינע אסיסטענטין נעזאמטעלט ביסליכווייס, חוץ דעם פלעגט ער כמעט גאנצע טעג אבטונג געבען אויף דיא מולערים אונ טעשלערים, איז געקראָכען אויף דיא הויכע ווענד אונ באלקים, עס זאָלל קיין פאלש נישט זיין, דעם חזן האָט ה' הורוויץ גשיקט אויף זיין חשבון קיין וויען צו ה' זולצער זיך פערפאָלקאָממענען אין מוזיק אונ חזנות אויף דער נייען ארט, אונ ביז איצט האט ער בייא איהם קאָסט אונ קווארטיר.— דיא שול איז אינגעוויניג נאָך ניט אין גאנצין פערטיג, עס פעהלט נאָך אַ פאססענדער ארון קודש (דארויף האט דער גיוועזענע בערדיטשובער ה' וואָלקענשטיין אין פעטערסבורג שוין געשיקט צווייא טאפעלן, לוחות מיט עשרת הדברות, בולטע פערגילדעטע אותיות, מערקווירדיג שעהנע ארבייט), דיא הילצערנע זיילען זענין נאָך נישט געשטיקאַטורט, מארמאָרירט אָדער געמאָהלט, נאָר דאס וועט שוין קוממען מיט דער צייט, דערווייל האָבין זייא גלייך געטוהן וואס זייא האבין אָנגעהויבען דאָרט דאווינין.

דער גאָטטעס דינסט איז שעהן אונ ערבויליך, דער ערשטע קאנטאָר ה' שפיטצבערג האט אַ פרעכטיגע ביעגזאמע באריטאָן שטיממע אונ אַ רייגעם פאָרטראג (דיבור), פערשטעהט גוט מוזיק אונ דיא געבעטע, ער ווייסט דאס ווארט איינצופאססען דיא געהעריגע ווירקונג הערפאָר צו ברענגען. איז אויך געבילדעט אונ גילט פאר זעהר אַ גוטען געפעלליגען מענשען. זיינע האלטונג ביים עמוד איז מיט פיעל אנשטאנד. דאס קאָהר איז פארטרעפליך פון איהם צו זאמען געשטעללט אונ איינשטודירט: אין טענאָר, וואס איז צו גלייך צווייטער קאנטאָר, האט איינע הערליכע שטאַרקע אונ ביעגזאמע טענאָר שטיממע

מיר האבען דארט ביינעוואָהנט אַ חופּה נאך האלבען טאג, דאָמין זענען געשטאַנגען פון אין וויט רעכטס אין דער מעננער שול, אונטער זייא גאנץ פרוממע מיט פּארוקין אָדער נאר מיט האָרבאנד, אללע זעהר אַנשטענדיג, אויף דיא גאלעריען זענין פילל ניוועזין פרויען אונ מיידליך. דער חזן האט גידאווינט מנחה אונ האט גיזאגט דיא שמונה עשרה יודיש זעהר אנדעכטיג אונ ערבויענד, דיא פרוממע ווייבער האבען זיך מתיה גיוועזין, אויך טהייל פון דיא פרוממע מענער וואס ערלויבין זיך שוין צו אַ חופּה אין דער קאָהר שול צו קוממען. קיין ברוישטפרייליינס איז דאָרט ניט איינגעפיהרט (זעהר געשייט) נאר ברויטהעררען. דיא כלה דרעהט מען ניט ארום 7 מאהל ארום דעם חתן. אים גאנצין ציהמט עס זיך זעהר פייערליך אויס. אז דאס איז אוודאי כשר, קעננין מיר יעצט מיט בעשטיממטהייט זאגין. — מיר האבין געהערט פון דעם ווארשווער רב הגאון ר' בערוש מייזלש, וואס איז גיוועזין קראקאווער רב, אז אין דער אלטין יודישין קהלה מאכט מען חופּות אין סאמע רמ"א'ס שול פון אלטע צייטין אונ ווייבער געהען אריין אין דער מעננישער שול. ווען דיא פאָרשטעהער דער דייטשין געמיינדע זאָללין וועלין הערין אונזער שוואַכע מיינונג, קעננין מיר זייא מיט גוטע געוויססען זאגין, אז ווענן עס זאלל אנקוממען אויף אונז, וואלטין מיר נאָכגעגעבין מאנכע זאכין אונ געוויזין דער ארטהאָדקסער פּארטהייא אז מיר אויפגעקלערטע זענין נאָכגיביגער, דאס איז ניט נאר קיינע חרפּה אונד הייסט ניט פון פּאָרטשריט ריקווערטס געהן; פערקעהרט עס איז דער גרעסטער כבוד קאָנצעסיאָנען צו געבין פון שלום וועגין, וועניגסטענס זיך צו רעכטפערטיגין פאר דער וועלט, אונ דרינין בעשטעהט ערשט דער וואהרער פאָרטשריטט טאָלעראנט צו זיין געגין יעדע דענקונגסארט. נאטירליך מען דארף ניט צו וויט נאָכגעבין, נאר זאָלכע נאריש-קייטען זענין ניט ווערטה מען זאלל זייערטוועגין געבין דען געגנערין אין אויסריד גערעכט צו זיין פאר דער מאססע. דערבייא איז גאנץ גיוויס אז דיא שול וועט דאך צוציעהן נייע בעלי בתים, אונ מען דארף זייא האבין, אויסער דעם „ברב עם הדרת מלך" וועט עס נוטצין אין פינאנציעללער בעציהונג, מען דארף דיא איינערע אויסשמיקונג, אונ גלאט צום אויסהאלטין דער סינאגאָגע, עס וועט לייכטער זיין פאר דיא פריהערע בעלי בתים. קענן זיין אנפאנגס וועלין זיך וועניגע אנשליעסען, מיט דער צייט וועלין זייא זיך פערמעהרין, איינער שלעפט מיט צעהן.

איך שטרענג פרוממע אונ אפילו חסידים ערלויבין מיר זיך אויך אויפמערקזאם צו מאכען, אז איהר טהוט זעהר אונרעכט וואס איהר שטעלט אייך אזוי פיינדליך געגען דער דייטשין שול. מיינט נישט איהר זענט יוצא דערכיט וואס איהר פערענטווערט אייך: „מיר לאזין זייא לויפין, מיר פערפאלגען זייא נישט". דאס פערשטעהן יענע גאנץ גוט, איהר זאללט נאר האבין בכח, וואלט איהר זייא אוודאי ניט געלאָזט דען ערשטין שטיין לעגין אינ. וואלט זיא נאך איצט געשלאססין: דאך אייער גאר פון וויטין שטעהן, אייער פערבאָרגענע שנאה, אייער בעטראַכטין דיא שול וויא אַ קירכע פון איינעם אנדערן גלויבין, שאדין זעהר פיעל דעם אללגעמיינעם אינטערעססע דעם יודענטהומס אונ אייער געמיינדע. דיא וואהרע פערשטענדיגע לומדים אונטער אייך דארפין מיר ניט אנוויזין דיא פיעלע שטעללין אים תלמוד, אים רמב"ם אונ אים שלחן ערוך, וויא דאס איז אין עבירה. אַ גאנצע גימיינדע צו בעהאנדלין אלס אויסגעשלאָססין, ווענין פערע־גרערונגין וואס זענין ניט געגין דער תורה נאר געגען אלטע געוואָנהייטען, אונטער וועלכע פיעלע זענין גראדע געגין דען כבוד פון אונזער רעליגיע. נאר לאָמיר רעדין וויא

יודישע



יודישע בעלי בתים, וויא פראקטישע מענשין: ווייסט איהר דען נישט אז וואס מעהר דיא פאנאטיקר ענטפערנין זיך פון דיא אויפגיקלערטע, מעהר שיידין זיך יענע אָב פון דיא, מעהר ערלויבין זייא זיך, מעהר ציעהן זייא צו זיך צו דאס יונגע דור. וואלט נישט פיעל גישייטער, פיעל פאליטישער, פיעל פראקטישער גיוועזין, איהר זאללט איבער־לעגין אז דאס יונגערע דור, וואס איז שוין גיוועזין אין דער וועלט אונ גיזעהן אז אויסער בערדיטשוב זענין אויך דאָ יודין, אונ אמת פרוממע יודין, וואס האבין מעהר פנים פון אונזערע; אז דאס יונגע דור קענן שוין ניט אריינגעהן אין אייערע קלויזין דאווינין. איז דאך גלייבער, פון אייך זאללין איינינע, דוקא אזעלכע וואס גילטין פאר עהרליכע יודין אונ געניסען אכטונג אונטער אללע קלאססין, טאקי לשם שמים דארט בעשטענדיג דאווינין, אנדערע ווידער זאללין אמאָל אַ שבת אַ יום טוב, בייא געוויססע פייערליכקייטין אויך אהין געהן אונ מיט מאכין דען גאטטעס דיענסט. מיר זענין אזוי איבערציינט אז דיא אויפגעקלערטע וואלטין זיך דאדורך געפיהלט גישמייכעלט, עס וואלט בייא זייא אזוי אנגילעגט גיוועזין, אז זייא העטטין אליין גיזוכט אייער געפיהל אונ אייערע אלטע גיוואהנהייטין וויא מעגליך צו שוינען, אונ דעמאָלט ערשט וואלט דער גערעגעלטע גאטטעס דינסט אלגעמיין גיוואָרין, אונ נאָר געשטיצט אויף דען שלחן ערוך. אויס ריקזיכטין געגין אייך וואלטין אללע געקוממין דאווינין אונ ערנסט גידאווינט. איהר ווייסט גאנץ גוט אז אין דער גמרא זענין דאָ אזעלכע ערצעהלונגין וואס תנאים האבין געטהון איינצוהאלטין געוויסע זאכין אונ זייא ווערין דער פאר גילויבט. פאר וואס זאללט איהר זייא נישט נאָכטהון?

---

## דאס יודישע שפיטאל

אויף דער אנשטאלט מעג דיא בערדישובער יודישע געמיינדע שטאָלצירען. מעגין מהייל אויסזעטצין פעהלער: עס איז נישט געבויעט אונ איינגעריכטעט פון גרונד אויס פאר אַ שפיטאָל, מעגען זייא בעהויפטען מען וואָלט גיקעננט פאר פיעל וועניגער אויפ־בויען אַ נייא קראנקענהויז מיט אללע בעקוועמליכקייטען, אומפּארטהייאיש גענאורטהיילט איז עס אַ ציערדע פאַר דער געמיינדע, אונ צוועקמעסיג געננג. אמת דאָס הויפּט־געביידע איז גיוועזין דער פאלאץ פונ'ם קניאנדושע ראדזשיווילאָוו, אינ דיא פאלאטים קאָמוניצירען מיטאיינאנדער; אויך איז מעגליך אז מען זאָלל בויען אייגענס אַ שפיטאל וואָלט מען אפשר דיא ציממער עטוואס העכער גימאכט; מען וואלט אויך נישט פער־שווענדעט אזוי פיעל געלד אויף דיא 2 גראָססארטיגע סאלאָנס מיט קאָלטען מארמאָר מאָזאיק, ניבּם פערציערונגען, פערגאָלדונגען אינ טהייערע פארקעטע פוסבעדען. נאָר אז מען האט דאס אללעס גקריגען אַזאַ מציאה, אונ עס איז צו יעדער צייט אַ סך מעהר ווערטה, מוז מען נאָר לויבען דיא וואס האבין דיא געלעגענהייט בענוצט, אונ דער געמיינדע אַזאַ פראכטגעביידע אנגעשאפט. דיא לאגע פון דעם האָספּיטאָל איז אין דער שענסטען פרייעסטען ביליפּילער נאס, ענטפערנט פון דער נערעכטען בעפעל־קערונג אינ דאָך אין שטאָדט; דיא ריינע לופט, דער רחבת ידים, איין אינגעהייערער הויף; דיא געביידען אין מיטטען, פאָרנט אַ גיטטער; דער גאָרטען, אַ גוטע ברונען. אַ כלל אללעס וואס איז נעטהיג אונ מאכט דען אויפענטהאלט אנגענעהם. דיא פרויען

פאלאטעס

פאלאַטעס זענען שוין גאַנץ נייא געבויעט צו דעם צוועק, וואָס איז דאָרט נישט דאָ אים אונגעהייערן רוים: געגוג ציממער פֿאַר קראַנקע און זעהר גרוים געשטעללט דיא בעטטען, אַזוי אַז דיא בעקוועמליכקייט אים רוים דערוועצט דיא הייך און מאַכט דיא לופֿט ניט קאַליע, חוץ דעם זענען דאָ גאַנץ בעזונדערע אָבגעשלאָסענע ציממער, עס זאָלל זיך ניט טרעפֿפֿען איין עפּידעמיע א חאָלערא רחמנא ליצלן, זאָללן דיא חלאים קעננען געהאַלטען ווערן בעזונדער. אז פֿאַר דיא גרויסע סאַליעס האָט מען ניט געצאַהלט, אין פֿאָרט זעהר שעהן אז מען פֿיהרט צהין אריין א נאַטשאַלניק, עס מאַכט עהרע ורען. אַזעלכע פוסבאָדען, טהירען און פֿענסטער, וואָלט מען זיך קיינעסוועגס פֿערגינגען צו מאַכען אין א שפּיטאָל, אונ אַזוי מאַססיוו קענן נאָר א שררה פֿאַר זיך בויען; נאַטירליך וואָלט מען דיא ווענד ניט אזוי שפּאַליערט, און דיא פאטאלאָגן (סעפֿיטען) וואָלט מען ניט אזוי פֿערציערט מיט גיבסארבייטען, נאָר שאַדען קען דאס געוויס ניט. פֿערקעהרט עס קענן מאַכען א גוטען איינדרוק אויף דיא קראַנקע. אונזערע חכמים רעכענען אונטער דיא דרייא זאַכען וואס מאַכען פֿערגניגען דעם מענשען — א שעהנע דירה. אז דער אָרימער חולה וואָס ווירד מיסטענס קראַנק דורך דער ענגען לופֿט, דורך דעם פֿינסטערן אויסזעהן פֿון זיין עלענדער וואָהנונג, פּליצים קוממט ער אריין אין אַזאַ ליכטיגער שטוב, יעדעס ווינקעלע פֿינקעלט, דיא אויסזיכט ארויס אין א גאָרטען אריין, אין זיין לעבען האט ער אַזאַ פּראַכט ניט געזעהן, דאס אלליין הייטערט איהם אויף, איז איהם מחיה, שטערקט איהם, און דאס אלליין קענן זיין א האלבע רפֿואה. זייא האָבען דאָרט זעהר אַ ניעדליך שילעכען, אין אויסגיציילענט בעדעל, סקלאַדים, מאַגאַזינס, און אללעס אָבגעטהיילט, א הערליכע קעך, א שעהן לאָקאל פֿאַר דער אפטייק, א בעקוועמע וואָהנונג פֿאַר דעם בעשטענדיגען ארצט ד״ר. איינהאָרן, (חוץ איהם קוממט טעגליך ד״ר גאָלדענבערג מאַכען קראנקענבעזוכע), און פֿאַר דעם סמאָטריטעל, אויך פֿאַר אללע דיענענדע. אויסער דעם אללעס האט מען איינגעריכטעט דירות פֿאַר זקנים. און א פראַכט וואָהנונג ווירד נאך פֿערדונגען און גיט הכנסה דער אנשטאלט. דער פלאַטץ איז אזוי גרויס אז דיא אללע געבידען שטעהען גאַנץ פֿרייא און עס איז נאך דאָ גענוג רוים מען זאָלל בויען, דיא געמיינדע זאָלל מיט דער צייט דאַרפֿען ענטשפרעכענדע אנשטאלטען.

איבריגינס וויא מיר האָבען געלעגענהייט געהאַט זיך גענויא צו ערקונדיגען פֿון זיכערער קוועללע, וואָלט פֿיעללייכט נאָך איצט קיין שפּיטאָל ניט געוועזן, ווען מען זאָלל ניט געוועזן דען פּאַלאַטץ פֿערטיג קויפֿען, ביז מען זוכט צו א פלאַטץ, ביז מען מאַכט א פלאַן, ביז מען איז זיך רעכט מיישב, ביז מען נעהמט ארויס דאס געלד, ביז מען נעמט זיך צום בויען, און עס ווירד פֿערטיג, דויערט אויך ניט ווענעג. און ווער ווייסט ערשט אויך וועלכע היגדערגיססע מען וואָלט דאָ געשטויסען. עס איז א גרויסע הוה אמינא געוועזן אז מען זאָלל ניט ראַזרעשן דיא 100 טויזנד רובל געמיינדע געלד זאָללן ארויס געגעבען ווערן, איבער פֿערשיעדענע אורזאַכען.

דיא אינערע איינריכטונג לאָזט גאָר ניט איבער צו ווינשען, בעטען אייזערנע, גוטע מאַטראַצען, גוטע וועשע, שעהנע שאַפֿקעליך בייא דיא בעטען. בעהאַנדילט ווערן דיא קראנקע זעהר אָרדענטליך. זייער עססען, זייער טרינקען צו דער צייט, קרעפֿטיג און נאַהרהאַפֿט לויט ערצטליכער פֿאַרשריפֿט, דאס ברויט איז פֿאָרטרעפֿליך,

טהעע



טהעע און צוקער בעקוממען זייא אויך; ווער עס דאַרף, ניט מען גוטען ווין. אויסערקואַמע בעהאַנדלונג דער ערצטע, גוט בעריטעטע מעדיצין, גוטע בעדיענונג, א כלל אללעס וואס קענן בייטראַגען צו היילונג און ערקוויקונג דער קראַנקען.

עס איז א גאַנץ קאָמיטעט געוועהלט צור פֿערוואַלטונג, נאָר בעזאָנדערס גיט זיך אָב מיט דעם שפּיטאַל דער עהרוויירדיגער גרויז הגביר ר׳ ישעיה הורוויץ. עס איז הערצער-העבענד צו זעהן, וויא דער העכער אכציג יעהריגע מאַן, וויא טאַמער ער איז שוין נעבאך, דיא אויגען, דיא פֿיס, דיענען טוּ נישט אַזוי, אינדעססען פֿאָהרט ער יעדען מאָרגען אין שפּיטאַל און ברענגט דאָרט צו איינינע שטונדען, ער איז בייא דער אויפֿנאַהמע דער קראַנקען, און לייטעט דיא גאַנצע אנשטאַלט. קיין וועטער, קיין היטץ, קיין געלט ווערט איהם אָבהאַלטען טעגליך אים האָספּיטאל צו זיין, נאָר שבת באַטאָג קענן ער ניט פֿאָהרען, און געהן איז איהם אויך אונמעגליך, קוממט ער שבת צו נאַכט׳ס, דער ערנסט פֿון דעם מאַנן איז וואהרהאַפֿטיג צו בעוואונדערן, מען קענן זאָגן אז דיא מצוה, דיא בעשעפֿטיגונג, גיט איהם איין חיות, און ער לעבט אין דעם זכות פֿון דיא קראַנקע, אזוי האט ער זיך איינגילעבט און איינגיוועהנט אין דער אנשטאלט, עס איז בייא איהם קיין זאַך ניט טהייער וואס איז נעטהיג צום וואָהל דער קראַנקען, עס קאָסט איהם אויך פֿיעל געלד. נאָר דאס געלד איז גאָר נישט געגען דער מיה, געגען דער טרייקייט, געגען דער אויפֿמערקזאַמקייט וואס ער שענקט דעם אנשטאלט. אין איטלעכען ווינקעל איז ער פֿולל, און אללעס ליעגט איהם אויף׳ן קאָפּ. נאָכט טעג עס איהם בעלאָהנען און דערלענגערן דיא יאָהר פֿאַר דעם גוטס וואס ער טוהט אָן דיא קראַנקע, אין טאַקע פֿון דער אנשטאלט ווענן — מיר האַלטען עס פֿאַר אונזער פֿפליכט דיא אנדערע מיטגליעדער אויפֿמערקזאַם צו מאַכען אז זייא זענען אפילו נישט יוצא וואס זייא האָבען געוואָרפֿען דען גאַנצען עול דעם אלטען שוועכליכען מאַן, עס איז פֿאַר איינעם א יונגערן צו שווער זיך אופּאָרן, מכל שכן א ייד קין עין הרע אין דיא יאָהרען. פֿאַר וואס זאָללען זייא איהם ניט מיטהעלפֿען, חאָטש יעדען טאג, יעדע וואָך איין אנדערער?

מיר מוזען אויך זעהר בעדויערן אז דאס גראָסאַרטיגע שפּיטאָל ליידעט מאַנגעל. עס האט נאָר זיכערעס דיא עטליכע טויזענד קערבליך פֿון דער טאַקסע אין אנדערע הכנסות, לויט דיא חשבונות וואס דיא גבאים גיבען יעהרליך און זענען אָבגעדרוקט אים „המליץ״, דאס איבריגע איז שוין ניט פֿעסט; וועהרענד דיא הוצאות זענען 15,000 ביז 16,000 רו״כ יעהרליך, אַם מיינסטען וואונדערט אונז, אז אין בערדיטשוב איז אנדערש וויא אומעטום: דאס שפּיטאָל ניט טאַקסע פֿון פֿלייש און פֿון עופות, דאס עקסיסטירט ניט אין קיין יורישער שטאדט. נאַטירליך אז מען שטעלט דאס נישט אריין אין דיא קאָנדיציעס פֿונ״ם בעל טאַקסע, קענן מען פֿון יענעם נישט פֿאָדערן, און וואס ער גיט איז שוין נאָר א לאַסקע; פֿאַר וואס זאָלל אָבער נישט בפירוש דאס שפּיטאָל בעפֿרייעט זיין פֿון טאַקבע?

הגביר ר׳ ישעיה הורוויץ זאָרגט דערפֿאַר אז דער קראַנקער געהט ארויס פֿון דעם שפּיטאָל, זאלל מען איהם נאָך געבען פֿלייש גראַטיס, און עפּיס געלד, ער זאָלל דיא נשמה דערהאַלטען. נאר דאַרויף וואָלט גידאַרפֿט זיין א זיכערע קאססע.

# דיא תלמוד תורה

אײנען גאנץ ענטגעגען-געזעטצען אײנדרוק מאכט עס אויף דעם מענטש, אז מען
קוממט פֿונ'ם פרעכטיגען שפיטאָל אין דער טרויעריגער וויסטער תלמוד תורה. דיא
רעליגיאָז נאציאָנאלע פלאנצשולע, דיא עכט יורישע וואָהלטהעטיגע אנשטאלט, וואס
איז בייא יודען דיא וויכטיגסטע אונטער אללע מצות (ותלמוד תורה כנגד כולם), דיא
אלטע יורישע אײנריכטונג אויף וועלכער דאס יורענטהום שטאָלציערט, אז איידער אנדערע
פעלקער האָבען נאָך אַ בעגריף גיהאט פֿון דער וויכטיגקייט אללגעמיינער פֿאָלקס בילדונג,
אין צייטין ווענן דיא אריסטאָקראטען, דיא גייסטליכקייט האָבין גיהאלטין אז נאר זייא
שטעהט אָן צו זיין געלעהרטע, אונ דיא וויססענשאפט איז זעהר ירושה, זייער מאָנאָפּאָל;
דעמעלט נאָך ווענן אפילו דיא גראָססען האָבין גערענקט אז עס איז גאָר שעדליך פֿאר
דער מרינה דאס געמיינע פֿאָלק זאָלל לערנען דורך דעם זיך דערהייבען צו דער מדרגה
פֿון אויפקלערונג, אויף וועלכער דיא רייכע אונ מיוחסים שטעהען; דעמעלט שוין, איז
בייא יודען געוועזין אַ פפליכט צו זאָרגין זעלבסט פֿאר דיא אָרמסטע קינדער, פֿאר
יתומים, וואס קיינער האָט פֿאר זייא קיין שכר לימוד צו צאָהלען. דאס וואָרט פֿון דער
גמרא: „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה" — זייט אויפמערקזאם אויף אָרמעלייטס
קינדער, וואָרין פֿון זייא וואַכסט ארויס געלעהרזאמקייט. — בעוויזט אז נאָך בימי
הגמרא האט מען שוין דאס לערנען גיהאלטען פֿאר איין אללגעמיינעם פֿאָלקס-אייגענטהום,
אונ מיר געפֿינגען אויך אז דיא. אנשי כנסת הגדולה האבין פֿאָלקסשולען געגרינרעט.
זעלבסט אים מיטטעלאלטער, ווענן יורען זענין געוועזין שרעקליך גערריקט אונ בעשרענקט,
ווענן זייא האָבין געלעבט אונטער פֿעלקער וואס זענין געוועזין זעהר פֿערגרעבט, זעלבסט
דעמעלט האָט קיין יורישע געמיינדע ניט גיקעננט בעשטעהען אָהן אַ תלמוד תורה, אזוי
גוט ווייא אָהן אַ שול. — אָט דיא הייליגע אנשטאלט וואס איז געווייהעט אונזער רעליגיע,
אונזער נאציאָנאל בילרונג, וואס דארף ערציעהען דיא פֿערלאָזטע שעפֿעליך, זייא זאָללין
ארויסוואַכסען אמת'ע יודען מיט איבערצייגונג, אונ גוטע זיטטען, צו גאטט אונ צו
לייט. דיא אנשטאלט שטעהט אין בערדיטשוב אין זעהר איין ענג געסיל, בלאָטע,
שמוטץ ארום אונ ארום, אונ זעהט אויס אינגעוויניג אונ אויסענווייניג עלענד אז עס איז
אַ שרעק צו קוקען. דער פֿאָרוואורף גילט נישט דיא עלטערע דורות וואס האָבין געגרינ-
דעט דיא תלמוד תורה; פֿערקעהרט זייא האָבין גיהאנדילט עכט יוריש, אים פֿאָרצייטיגי-
שען זינן, זייא האָבין פֿערזאָרגט אַ ציעמליך גרויס צווייא שטעקיג געמויערט געמיינדע הויז
צו דעם צוועק, אויף דעם פלאטץ פונ'ם אלטען בית עולם. עס וואָלט אויך היינטיגע
צייטען גענוג געוועזין אונ געקעננט צוועקמעסיג אונ פֿיין אײנגעריכטעט זיין, נאָר עס
פֿעהלען דיא מיטטעל דערצו. דער גבאי ה' ר' שמואל מאגזאָהן גיט זיך געביך אונגעהייער
פֿיעל מיה; גאָר וויא פֿערצייטיגע יודען ריין לשם שמים, ער אָפּפֿערט זיין צייט, ער
דענקט בעשטענדיג אָן דער תלמוד תורה, זוכט, זשעבריט צונאויף וויא מעגליך איז אַ
קאָפּיקע, ער איבער וואכט זיא כמעט דעם גאנצין טאג; ער איז בייא זיין פֿרומקייט
גיט קיין פֿאנאָטיקער, ער פֿערשטעהט גאנץ גוט וואס דיא צייט פֿאָדערט, אונ וואָלט מיט
דעם לעבען גערין אללעס אײנגעפֿיהרט אויפ'ם בעסטען אופן; וואס העלפֿט דאס אָבער
אז



אז ער מוטשעט זיך וויא ניט איז זיא צו דערהאלטען. יערע אָרדנונג, יערע נייע איינ-
ריכטונג קאָסט געלר, פֿון וואנין נעהמען? אז דיא גאנצע תלמוד תורה קריגט פֿון דער
געמיינדע קאססע אים גאנצין 800 רו"כ יעהרליך, אונ דאס מען זאָלל אין דער רוסע
נישט אויפהאלטין, אונ דאָ קוקט יעדער אין דער האנד, כוו מען טהיילען שבת,
דערוויילל ווערין ווענינער 40 רובל, פֿליעגט שוין נאָר אריין אין דער תלמוד תורה
קאססע 760 רו"כ. חוץ דעם האט זיא אַ זיבערע הכנסה 100 רו"כ פֿון דירות וואס
דיא פֿריהערידיגע נגידים האָבין גילאָזט עולמ'ה. ווייטער הייסט שוין פֿונ'ם ווינד: דער
עולם שטעלט זיך מעמדות יאָהר-געלר אָדער הודש-געלר, ווער ווייסט נישט וויא וועניג
מען קענן רעכענין אויף מעמדות (אויסער פֿונ'ם צדיק'ס וועגין, דאָ טראגט יעדער אקעגען
אונ דער געפאסטער גבאי מיט'ם גראָבען קארג וועט שוין נישט אָבטרעטין תאָט'
טראכני); איינעם איז טאקי שווער, צום אנדערן דארף מען לויפֿען 10 מאָל איידער
ער האָט גראָר קליין געלר, דער דריטטער האָט גלאָט אַ שווערע האנד, דער פֿירטער
בלאָזט זיך נאָר אָן, עפּיס געפֿעללט איהם נישט, אַ פוסטע זאך, קוכמט דיא אנשטאלט
צו שטראָפֿין, דער פֿינפֿטער זוכט איין אויסרייד. דערצו דארף מען ערשט האלטען איין
איינקאסירער אויף גיהאלט אָדער אויף פ"אָצענט. אים גאנצין האט עס דאָך פֿערגאנגענעם
יאָהר (תרכ"ט) גימאכט 331.80 רו"כ. נדרים ונדבות פֿון תהונות אונ בריתין 151.60
רו"כ. דאָ זעהט מען ווידער וויא וועניג דיא בערריטשובער יודען אינטערעסירען זיך פֿאר
דער וויכטיגער אנשטאלט: דאָרט זענין יעהרליך (לויט דער שטאַטיסטיק פֿונ'ם רב'ס
ביכער געמעלרעטע) איבער 400 חתונות אונ גענען 800 בריתין; אויף דער אָרמסטער
חתונה מוז זיין אַ סעודה'לי, אויף דעם גימיינסטען ברית לעקיך אונ בראָנפֿין, אונ דיא
בעלי כיבורים מיט דיא ניעסט לענען זיך געוועהנליך צונאויף אויף אַ קערמישיל, אין
שמחה אלא בבשר, מיט אַ גלעזיל משקה; דאָ וויא דאָרט קענן דיא צערמאָניע נישט
גימאכט ווערין אָהן אַ מנין. ווענן יעדער אים דורכשניט זאָלל שטאָט משקה צו דער
סעודת מצוה נאָר געבין 10 קאָפּיקעס אויף דער תלמוד תורה, וואָלט עס גימאכט לכל
הפחות, אים דורכשניטט אַ קערביל פֿון אַ שמחה, דאס הייסט, 1200 רובל אַ יאָהר.
נישט גלייכער וויא אַ פּיפּיק מיט וויין? נאָך מעהר, פֿון נגידישע חתונות מיט בריתין
אלליין איז אויך וועניג 151 רו"כ, וויפֿיעל מען גיט דאָרט אוים אויף פֿלאָרינס מיט
אנדערע בעקערייען. — נאָך איין הכנסה איז דאָ, אַ נייע ערפֿינדונג, פֿון תכריכים; דאָרט
האנדילט קהל, אָדער דיא חברה קדושה מיט ליינוואנד, אונ אללעס וואס מען דארף צום
אויסשטאַפֿירונג דער מתים, אונ דערפֿון פֿאלט אריין אויף דער תלמוד תורה 88 רו"כ אַ
יאָהר. איבער דעם געשעפֿט וועלין מיר נאָך האָבין גילעגענהייט צו רעדין. פושקים
בייא לוויות רחמנא ליצלן טאָבין 28 רו"כ, פושקים אין שטאָדט 63 רו"כ. דאנן העריין
מיר נייעס, אין דער דאָרטיגען תלמוד תורה נעהמט מען שכר לימוד פֿון טהייל קינדער,
דאס האט גימאכט יענם יאהר 67.80 רו"כ. עס איז אפשר נישט קרום, מהיכי תיתא,
דיא וואס קעננין עפּיס צאָהלען וואס ניט איז, אבי וועלוועלער. וויא ביים מלמד, איז
קיין עולה נישט זייערע קינדער אויפצונעהמען אונ בייא זייא נעהמען גיצאָהלטט. דיא
פֿראגע איז נאָר אויב דערמיט נעהמט מען נישט צו אַ פּלאַטץ פֿון אַ בלוט אָרמאנגס
קינר, אָדער פֿון אַ יתום. פֿאר אזא קהלה וויא בערריטשוב איז וועניג אז דיא ת"ת
נעהמט נאָר אויף 190 קינדער; עס געפֿינען זיך אוודאי מעהר פֿעראָרמטע קינדער אונ
יתומים

יתומים. נאר וויא עס שיינט מוז עס דער גבאי טוהן, ווייל ער איז בענעטהיגט אין דער קאפיקע.

מערקווירדיג, מיר קענען דארט ניט עטליכע הכנסות וואס זענען איבליך בייא ...עדען אויף דער תלמוד תורה: נדרים פון דיא 2 שבתים אים יאהר וואס מען לייענט עשרת הדברות, אונ פון שבועות. לאמיר רעכנען אים דורכשניטט זאלל יעדעס מאהל מאכין קאפ אויף קאפ 1 קערביל אין א שול אדער קלויז, קענן עס אויך איינברענגען א דריטטהאלב הונדערט קערבליך יעהרליך. — היינט ווא איז פון תהלים זאגין לחולים, פון לוויות (עס זאלל זיך נישט טרעפפין), וואס דיא ארמע קינדער לויפין אוודאי פאר-אוים אין דיא פרעסט, אין בלאטים, אין דיא היטצען, אונ רייסין זיך אוים דיא קעהל "צדק לפניו יהלך", אונ אויב עס איז אפילו דארט נישט מאדע, דארף נאר איינער איינפיהרען וועט שוין איטלעכער נאכטהון. אונטער 1600 פערשטארבענע יעהרליך וויא זענין ניט 300 אזעלכע וואס דיא לייטראגענדע (אבלים) זאללען קענגען עפים געבען אויף דער ת״ת, אזוי אז דורכגעהנדיג זאלל עס מאכין בידנע 300 רו״כ. זעהר א נא-באמונגסווערטהע איינריכטונג האט גימאכט ד״ר גאלדענבלום אין אדעססע, ער האט איינגעפיהרט א בוך, אין וועלכען עס זענין פערשריעבען אללע יאהרצייטען פון דיא שטאדטלייט, אונ שיקט יעדען א צעטיל דערמאננען ווענן ער אדער זיא האבין יאהר-צייט, יעדער ווער נאר אים שטאנד איז שיקט דערפאר עפים אב אויף דער ה״ת אונ דאס מאכט א היפשע סוממע געלה, דערפאר זאלל מען לערנען משניות אונ זאגין קדיש אין דער ת״ת. דאס וואלט מען געמעגט איבעראלל איינפיהרען.

נאר וואס האט מען צו שמועסען פון א געמיינדע וואס דער גייסט דעם חסידיזמ׳ים וואלטעט אין איהר, אונ זיין פרינציפ איז דאך איבעראלל, ניט צו דערלאזען קיין שום נייע איינפיהרונגען, קיין שום תקנות, נאר דיא וואס געהען אוים פונ׳ס צדיק, אדער תקנות מיט נתינות וואס קענגען פערמעהרין דעם אדער יענעם גוטען יור׳ם איינקינפטע, דאס קענן מען אם בעסטין דערקעננען פון פאלגענדעם פאקט. — בערדיטשוב האט דאס גליק וויט א רייהע פון יאהרען צו האבין איינען איינוואהנער וואס מיר מעגען מיט בע-שטימטהייט זאגין, זייא האבין וועניגע אזעלכע אין אללען בעציעהונגען; מיר מיינען ר׳ יוסלי ליכטענשטארט. עס איז נישט אינזער אבזיכט דיועזן מאנן צו לויבען, ער איז מפורסם גענוג אונ האט אונזער לויב ניט נעטהיג: נאר דאס קעננען מיר מיט גוטע געוויססען זאגין אז מיר איבערטרייבען נישט, אונ זענין דאריבער אים שטאנד עהרליכער אונ בעשטימטער איבער איהם צו אורטהיילען, ווייל מיר קענען איהם זייט 35 יאהר; מיר ווארען נאך בידע יונגע לייט, מיר האבין 5 יאהר צוזאממען געוואהנט אין לובלין אין איין הויז, אונ אין אינטימסטע פערהעלטניססע געשטאנען, וויא דאס ליעגט אים קאראקטער פון יונגע לייט לערנקינדער. ה׳ ליכטענשטארט איז איין גרונדליכער למדן אונ האט דאס לערנען נישט פערנאכלעסיגט זעלבסט אים גיוויהל דעם גישעפטסלעבענס; ראבייא א רעכטער משלם, שרייבט שעהן העברעאיש, פערשטעהט דייטש אונ פאלניש; איז קלוג אונ ערפאהרין, האט פיעל אוכנאנג גיהאט מיט בעססערע ערלערע מענטשין, ווארין ער איז גיקוממען אין דיא העכסטע יודישע אויך קריסטליכע געוועללשאפטין, ער האט פיעל וועלט אין זיך, ווייל ער איז געוועזן אין דער וועלט, אים אויסלאנד אונ איננלאנד, אונ איבעראלל האט מען איהם געוואוסט צו שעטצין; ער איז דער וואהרער פנייע בריה, עכטער אדעל פון געבורט אונ קאראקטער; בעשיידען פרום, אונ גיהערט

צו



צו קיינער פארטייא, ער קוכט אוים מיט אללע קלאססען, אזוי אז אין בערדיטשוב איז מען אויך אזוי פיעל אויף איהם מבינים, אז ער ווירד פון אללע פערשיעדענע קלאססען געעהרט אונ גיאכטעט. דאך האט מען וויא עס שיינט דארט נים פערשטאנען נוטצען צו ציהען פון דער געלעגענהייט, ר׳ יוסלי ליכטענשטארט אין געמיינדע אנגעלעגענ-הייטען צו צוציעהען; אפשר איז אויך דיא מניעה געוועזן פון איהם, ער האט זיך ניט געוואלט מישען דא ווא עס הערשט א גייסט מיט וועלכען ער כימפאטיזירט נישט. ענדליך האט מען איהם דאך געוואונגען פאר דער תלמוד תורה. ער האט איבער-גענוממען גבאי צו זיין, אונ וויא מיר האבין פון זיכערע קוועללע געהערט, האט ער זיך ערינסט גענוממען דערצו, צוזאכמען מיט ה׳ מאנסאן אונ האט ווירקליך אין פיעלער בעציעהונג דיא ה״ת אנגעהויבען פערבעססערן, נאר בייא אללע זאכין איז דאך דאס ערשטע דיא מיטטעל. איז צו איהם געקוממען א בראדער סוחר אונ האט איהם פאר-געלעגט א פלאן, ער וויל איהם געבין אויף דער ה״ת 3000 רו״כ יעהרליך פאר דיא פעדערן פון עופות וואס ווערין געקוילעט אין שטאדט. א קלייניגקייט וואס מען וואלט געקעננט, וואס ער האט גיוואלט פון דער אנשטאלט מאכין! אויף שליכמזל דארף אבער אין בערדיטשוב זיין איין איינפיהר זייט א צייט, אז דיא שוחטים נעהמען צו דיא פעדערן, א תקנה וואס עקסיסטירט נאר ניט אין דער וועלט, וויא קוממען שוחטים צו פעדערן? וואס פאר א פנים האט דאס, דער שוחט זאלל האבין גיטעטין מיט דער כויד, אונ איהר קוקען אויף דיא הענד, ויא זאלל איהם גוט אבפליקען דאס עוף? אז ר׳ יוסלי ליכטענשטארט האט דאס פארגעלעגט, הייבט זיך אן: מען מוז זעטצען דאס בית דין. דיא דארפין פערלעגען א קלאטץ — דיא הוקה, מיט אנדערע ווערטער, נאך אונזער אויפפאססונג, א מאנאפאל פאר דיא שוחטים, דאדורך האט זיך ר׳ יוסלי ליכטענשטארט צוריק-געצויגען אונ דיא אנשטאלט ליעגט אויף אין מעשין וואס בייא זיינעם ערנסט אונ אייפער איז ער דאך נישט אים שטאנד אללעס צו בעזארגען, בעזאנ-דערס וואס דיא צייט פאדערט, ובפרט אז ער האט נישט מיט וואס צו פיהרען אונ מוז זיך מוטשין אונ דען קאפ פערדרעהען וויא מיט איז דיא ת״ת צו ערהאלטין:

פון דיא אויבין איסגערעכענטע הכנסות זעהן מיר נאר ארוים 20. 1600 רו״כ (חוץ דעם איז צו גערעכענט צו דער הכנסה: כהמגיע למלמדים להעלים השנה, לקאלישער, להכותב, להבוכהאלטער ולשמש 95. 337 רו״כ, מהמגוע ע״י הלוואה 50. 306 רו״כ, ס״ה 45. 644 רו״כ, עס איז פאר אונז ניט דייטליך). היינט לאמיר בעטראכטין דיא הוצאות וואס בעטרעפין 2244.65 רו״כ: 9 מלמדים צו 120 רו״כ יעהרליך בעטרעפט 1080 רו״כ. (חוץ רגל געלד 13.50 רו״כ, אים שטייגם גיזאגט, מען קענן נישט אנ-דערש זאגין, טהייל מלמדים טהוען זייערס בשלימות, מיר האבין פערהערט כאנכע קינדער, זאגין זייא גאנץ קיין מעשה ניט א שטיקל גמרא, הומש ווירד דארט גילערנט נאך דער אלטער מעטהאדע מיט אללע אויבערדענישין; נאטירליך דערקענט מען גאנץ גוט אז דאס איז איינגעראלבעט מיט דעם פינגער, מיט דעם קאנטשיקל, מיט א ריס ביים אויהר, איידער-מיט פעראגאגישעם סיסטעם; דאס קינד זאגט טעהר נאך וויא א מאשין, ניט ער האט אויפגעפאסט מיט׳ם שכל. דער בעסטער פיכן איז מייסטענס קינדער פלאפערן נאר נאך וויא איין אנגעדרעהטער זייגער כסדר, מען טאר זייא ניט איבערשלאגין. דאריבער איז אוך שווער זייא צו פערשטעהן, וויא מאהלין דאס איינ-גוזורטע (מיט אויסנאהמע איינינע אויסגעצייכענטע קינדער וואס עס וואלט א יושר-

גיוועין

גאנצע טעג אין קלייזיל, קוקט ער דאך ערשט קיין ספר נישט אָן. ווען האט ער ציית צו לערנין: אַ האלבער טאג גנהט איהם אַוועק מיט נקיות אונ מקוה אונ דאווינין; דער נאך מוז מען דאך זאָגין אביסיל תיקון, קריגט מען התלהבות איז דאך מעהר מצוה צו רעדין פונ'ם רבין אונ דערצעהלין אונ הנ , נסים; אז עס לאָזט זיך נאר אויס שמיעסען, פאר לאַנגווילע, האט מען עפּיס וויכטיגערע ספרים ארייננצו קוקין וויא גמרא מיט תוספות אונ ש"ך, וואס איז מבלבל דיא מוחות; דער תקוני הזוהר, איז נוטצליכער, חאָטש מען מעג איהם נישט פערשטעהן, דאס ארייננקוקין אין איהם דער לייכט דיא אויגין, דעם שכל, ווער שמועסט דיא נייערע ספורי נסים וואס וואקסן וויא שוואמין, דיא ספרים מיט גוט יודישע תורות טראגין דיא נשמה אויף דריגים אין הימעל ארייך; דיא וועט מען ניט פערזוימין פון א דבר נחוץ ווענן וויא אויבין איז גישטאַנגין. איצט בערעכנט אייך וואס קענן שוין ווערין פון אייערע תלמוד תורה יונגליך? רעכינט גענויא דיא שטאטיסטיק צוויפעלן מיר זעהר אויב איין קינד אין א יאהר קוסטעט צו אַ צוועק ער זאלל ווערין מיט דער צייט אַ למדן, נמצא קאָסט איינער 2200 רו"כ; בנאמנות צו טהייער!

אנדערש וואלט ניוועזין איהר זאָלט קלאַסיפיציערין דיא קינדער. אללע מענין לערנין חומש, נ"ך, אנהייבין גמרא. נאָר דיא וואס מען זעהט אז זייא האבין ניט דאס פלינקע קעפיל צום עדלין סברהלי אין ש"ס, זאללין זיין איינגעריכטעט ווערקשטאַטין וואו זייא זאָללין לערנין עפּיס אַ מלאכה וואס קענן זייא מפרנס זיין; דערבייא זאָלין זייא וויטער לערנין תנ"ך, חיי אדם, אַ דין צו וויסין, דאס דאווינין איבערזעטצין, זייא זאָללין פערשטעהן פירוש המלות, אונ אויסערדעם זאללין אללע לערנין דיא לאנדעס-שפראַכע, שעהן שרייבין, רעכנין, וואס אהן דעם קענן היינטיגע צייטין קיינער נישט אויסקומען, אונ דיא פייערדינגסטע חסידים, זאָגאר גוטע יודין זענין מודה, אז דאס איז נאָטהווענדיג אונ שאַדט נאר נישט צום יודישקייט. פערקעהרט מיר זענין איבערציגט אז דאס קענן נאר בעססער דערהאלטין דאס יודענטהום, אז מען לעגט נאר א גוטין יודישין פונדאַמענט. וואדין אז דער מענש האט אַ זיכער שטיקיל ברויט איז ער ניט אזוי דער געפאַהר אויסגיזעצט, אויס מאַנגעל זיך צו ווארפין אויף א שטאַנד וואס ענט-פערינט איהם מעהר פונ'ם יודענטהום.— עס וועט אייך קיין געוויססענהאַפטער אויפגעק-לערטער מענש ניט היסין מאַכין אויס דער תלמוד תורה אַ שולע, מען זאלל דאס גאנצע גווויכט לעגין אויף וועלטליכע געגענשטענדע; נאר גאנץ פערנאַכלעסיגין דיא פראַקטישע זאַכין בענעהמט איהר אַ זינד נעגין דיא קינדער אליין, נעגען זייערע עלטערין, נעגען אייער איינענען געמיינדע, נעגין דעם יודענטהום, נעגין דער מדינה אונ נעגין דער רעגיערונג, ווייל איהר פערמעהרט ליידינגעהערס וואס טויגין צו נאר נישט אויף דער לעבטיגער וועלט. דער עיקר איז אבער— זאָלט מיטטעל זיא תלמוד תורה זאלל האבין אַ זיכערן פאָנד, אונ וועהלט צו טעהטיגע פערשטענדיגע, עהרליכע, אייפריגע, פלייסיגע מענשין, וועט איהר זעהן וואס פאר אַ תלמוד תורה איהר וועט האבין, או'גאטט אונ לייט וועט ניחא זיין אונ איהר וועט נאך מזכה רבים זיין, פון אייך וועלין זיך אללע קהלות אין יענער געגענד אַ ראיה נעהמין, זייא וועלין זיך מקנא זיין אָן אייך אונ אייך נאָכטהון.

## חברה אלמנות ויתומים

יעדען פריטאג נאָכמיטטאָג ווערין געטיילט בולקים, זעהר טעהנע ווייסע חלות פאר אָרימע אלמנות פערהעלטניסמעסיג זייערע פאַמיליען, מען גיט אויך אלטע שוואַכע ארימע לייט. אויך פערזאָרגט מען יתומים אונ גיט זייא אוועק צו בעלי מלאכות. דיא חברה נעהמט 800 רו"כ פון דער דומע דאס איבעריגע פון פרייע נדבות, אים גאנצין ביז 4000 רו"כ יערליך אונ דאס נעהמט אוועק. מיט דעם זאמלין אונ מהיילין גיט זיך אב בעזאנדערס איין מענש, וואס איז שוין אזוי גניטה אז ער קענן אויסענווייניג אללע נעמין פון דיא ארימע פאַמיליען, אונ ווייסט אַקוראט אויס וויפיעל נפשות יעדע בעט-טעהט. ער אין דיא גאנצע וואָך בעשעפטיגט מיט דעם זאמלין אונ בעזארגין אללעס; עס איז דאהער קיין עולה ניט ווען ער גענישט אויך דער פון,- ער איז דאך אלליין אויך אַ געמיינער מאַן, דערצו איז ער אַ כבד פה, נאר צו דעם עסק אַ בריה נפלאה. דיא פערטהיילונג געשיהט אין אַ ווייבערישער שול אונטער דעם ביהמ"ד; אין איין וועגס האבין מיר גילעגענהייט גיהאט צו זעהן וויא יודין דאווינין, זייא מעגין יאָ זאגין „מטעסקים קראתיך ה'"; פשוט אים קעללער פון דעם ביהמ"ד זענין נאך 2 בתי תפלה מיט ווייבערישע אבטהיילונגין, אים זוממער איז דארט שטארק דונקיל; מיר בעגרייפין נישט וויא אזוי דיא פראסטאקים וואס דאווינין דאָרט קענין דאָרט זעהן צו זאָגין דיא הארטע עברי אינ'ם פיט.— מען האט אונז פערשפראָכין צו געבין אונ נאָכצושיקין אַ חשבון, ביז נון האבין מיר ניט ערהאלטין. בכלל פרעדיגט דיא חברה אללען לויב, נאָר עס וואלטין נידארפט זיין פאַרנעהמע אונאינטערעסירטע זאכפערטענדיגע גבאים, וואס זאללין דיא אָבערפערוואלטונג איבערנעהמען אונ יעהרליך איינען אויספיהרליכען חשבון ארויסגעבין גערדוקט, דאס וואלט דעם עולם מעהר אנערענט דיא צוועקמעסיגע חברה צו בעראַכטין, אונ זיא וואָלט גיקענט מעהר לייסטין, אויך אין וואָכענטאג דיא שטארק ניטבעדירפטיגע צו העלפין.

## חברה הכנסת אורחים

דיא חברה האט צו פערדאנקין איהר עקסיסטענץ ביז היינט דעם וואָהלטהעטיגין גביר ר' יוסף ליב קאַמינקע ז"ל. ער האט זיך שטארק אינטערעסירט אַ רייהע פון יאָהרין זיא אויף דעם פיננסין אופן צו ערהאלטין, אונ ווענינסטענס מיט אַ לאָקאל אויף אימטער צו פערזאָרגין, ער האט נעטליך געליגין איינעם אויף אַ הויז 1000 רו"כ, אונ גימאַכט מיט איהם אַ פערמליכין אקט, אז מען דארף פון איהם קיין מאָהל ניט אָבפאָדערין דאס געלד אונ קיין פראָצענט מזוטן, דערפאר איז דיא דירה צו דעם צוועק, דאָרט זאלל מען בעקעסטיגין אורחים טאגנטערשיינען, ווייבער אויך יונגליך, וואס קוממין קיין בערדיטשוב פרנסה זוכין ארער דורכפאָהרענדיג. אין פריהערע צייטין, בחיי ר'

יוסף

יוסף ליב ע"ה, פלעגט מען געבין אויף וועטשערים אין דער וואלין, היינט איז נאר שבת 2 סעודות, פרייטאג צו נאכטס אונ שבת באייטאג. יעדער ארימאן קען געניסין פרייא 3 שבתים. מיט דעם בעשפטיגט זיך א יוד מיט זיין ווייב, ער נעהמט צונאויף נדבות, אונ זיא פערזארגט ..ין דיא קעך, ביידע טהיילין אוים דיא פארציעס. פאר נימינע לייט איז דאס א גרוים אפפער, א שווערע ארבייט, וואס איז קיינעסוועגס דער־מיט בעצאהלט וואס זייא האבין אויך דערפין דאס לעפיל גינעכטס, דירה ובכלל זייער ביערנע אויסקוממעניש. דיא קעסלין דושוויגין אונ ביז 70 פערשוין מאנכמאל צו בעריי־גען, שבת אונ אללע ימים טובים זעלבעסט פסח, איז ניט צו בעצאהלין. מכילא פערש־טעהט מען אז דא וויא איבעראלל זעהט מען דייטליך עם פעהלט א בעל בית פון א בעס־סערער קלאססע מענשין, א מענש מיט ארדנונגסליבע, זאכקענגטנים אונ ענערגיע. מיר האבין ביינעוואהנט א פרייטאג צו נאכטס ביים טיש. דיא אורחים קריגען יעדער צו קעלישיקליך בראנפין, ברויט צור זעטט, צושטיקליך פיש, זופ אונ שטיקליך פלייש. וויפיעל ניט איז, פיש אונ פלייש אין בערדיטשוב קאסט געלד. אוודאי וואלט ניט גע־שאדט עס זאללין זיין גאבלין, זייא זאללין ניט דערפון גראבלין מיט דיא הענד; אויך דארף דאס לאקאל רחמים, עס זעהט אוים וויא א חורבה; צו דער מעננער אבטהיילונג מוז מען ארונטערגעהן וויא אין א גרוב, צו דער ווייבערישער דאגעגין, דורך א גוט שטיקיל הייזיל קלעטטערן אויף טרעפ וואס מען קענן דאס געניק ברעכין. נאאו בעד־ליינטונג איז נאך דארט ניט נוהג. קיין חשבון פון דער חברה עקסיסטירט ניט, נאר דער מתעסק זאגט, ער נעהמט צו זאמען אונ גיט אוים ערך 800 רו"כ יעהרליך.

---

# אנדערע חברות

עם עקסיסטירען דארט נאך פיעל חברות, יעדע קלויז איז בעגרינדעט אויף אירגענד א וואהלטעהטיגין אדער רעליגיעזין צוועק, נאר דא קענן מען שוין ניט דער געהן קיין חשבון, עס איז גאר שווער צו וויססין זייער נאמין אונ זייער בעשטיממונג, וויל זייא זענין ניט בעשטעטיגט, זייא זענין אפילו ניט בעקאננט דעם ראבבינער, איינע פון דיא חברות איז מפורסם, דאס איז ווירקליך זעהר א וויכטיגע, נעמליך חברה סנדקאות. מיר קענען דיא תקנות פון אזעלכע חברות אין אלטע שטעדט: צו פער־זארגין אריטע קינדבעטטערינס מיט א העבאממע, אויסהאלטין דאס וואכענבעטט, דעם ברית, דערפאר קוממען דיא כבודים דער חברה. אין בערדיטשוב וויסט מען קיין חשבון נישט. אמת דא דארף מען ניט ארוסשטעללין כיט דיא נעמין דיא געטינע לייט וואס דיא חברה האט אונטערשטיצט, נאר על כל פנים דיא הכנסה אונ וויפיעל אין יאהר אונ וואס יעדער האט ניקאסט, מיט וואס מען האט זייא אונטערשטיצט. מען דארף נעווים ניט חושד זיין דיא גבאים פון אזא וויכטיגער חברה אז זייא מאכין חלילה מים גוויך, שטעקין אין קעשינע אריין. נאר אזעלכע נדבה געלדער דארפין נאך געבער בעקאנט ניטאכט ווערין זייערע איינקינפטע אונ אויסגאבען, וויל אין מיטען איז דער־בייא דא א סעודת מצוה. עס קענן זעהר זיין אז דיא בעלי כבודים לעגין זיך צונאויף פון

פון זייער קעשינע אונ מאכין א קערמישיל, בעוע צונגען זענין דאך אומעטום דא, קענן מען חושד זיין אז דאס איז פון צדקה געלד, אונ דאס וואלט באמת געוועזין א גרויסע עולה; מיט א פלעשיל בראנפין מיט עטליכע נראשידיגע לעקיכליך אדער קיכליך קענן מען זעהר גוט יוצא זיין; ווער עס האט תאות בשר ויין אונ זוכט נאר איין אויסריד, דאס צו בעלעשען מיט דעם טיטעל סעודת מצוה, מהיכי תיתי דענן ניט, נאר פון אייגענער קעשינע, נישט פון א קאססע וואס פיהרט דען נאמען צדקה, אונ דערצו קענן שטייערן אזעלבער אויך וואס ניט בפירוש ניט אויף געבראטענס דיא בעלי כיבודים. נאר א חשבון קענן ארויס־ווייזען זייער ריינקייט, אונ דאס זענין דיא גבאים מחויב, חוץ יושר אונ שכל, נאר פשוט א מצות עשה: הכר מכך עקשות פה. — פון א חברה תיקון ספרים האבין מיר דארט ניט געהערט, זיא איז איבריגענס ניט נעטהיג, אין קיין ביהמד"ר איז ניט דא קיין כך ספרים, אונ דאכט זיך זייא ווערין אויך ניט שטארק אבגעניצט. — עבענזא איז אונז נישט פאר־געקוממען קיין חברה מלבוש ערומים, וועניגסטענס קלינגט זיא ניט אין שטאדט. א שאד א שאד, וואס דיא חברה משכיל אל דל' האט אויפגעהערט; דאס איז געוועזין דיא שענסטע אונ נימצליכסטע אין בערדיטשוב, טיינט אינטריגענגייסט האבין זיא צערשטערט. עס האט אפילו ניט געהאלפין דאס וואס מען האט זיא ראזגלאבעט אין אללע צייטונגן אונ דיא בראשירע וואס עס האט איבער איהר געשריעבין דער שטיפטער אונ לייטער פון דער חברה ה' אבראמאוויץ; צו בעדויערין האט ער אויך בערדיטשוב פערלאזט אונ לעבט צוריק-געצויגען אין זיטאמיר, אונ איז ערביטטירט פון דיא קרענקונגען וואס ער האט געליטטין. דאריבער וועלין מיר איין אנדערס מאל רעדין.

פון רעליגיעזע חברות האבין מיר געלעגענהייט געהאט צו ערפאהרין פון א זאג־גענאנטע חברה ש"ס אונ חברה משניות. נאר נישט אויף דעם מתנגדישען שטייגער פארצייטענס, אונ נאך היינט אין אלטע שטעדט, מען זאלל טעגליך ערב ובוקר לערנען א שיעור צוזאמען חאטש א מנין; ניין, גלאט איטלעכער לערנט פאר זיך, גלייב איהם אויף נאמנות. פראווע עס זענין יעהרליך עקזאמינס, מיר מיינען סעודות.

איינע פון דיא וויכטיגסטע חברות וואס פערדיענט גילויבט צו ווערין, איז דיא ערשט פאריגעם יאהר געגרינדעטע, אונ פון דעם מיניסטער בעשטעטיגטע, חבורת משרתי וחניכי הסוחרים", צור געגענזייטיגען אונטערשטיצונג פון דיא חברה לייט וואס דיענען בייא סוחרים. דיא תקנות זענין אב געדרוקט, לשון קודש אונ רוסיש, זייא זענין זעהר צוועקמעסיג. יעדער מיטגליעד גיט 2 רו"כ בייא איינטרעטין אין דער חברה, אונ ניט וועניגער פון 25 קאפ' חודש געלד, אויכער ווענן ער איז ניט אים שטאנד קענן דאס קאמיטעט איהם בעפרייען חאטש ער מעג האבין עפים א שטעללע. דערפאר האט דער נעפאללענע וואס נעהט צרום זאהן א שטעללע אנשפרוך אונטערשטיצט צו ווערין פון דער חברה קאססע ביז ער קריגט א בעשעפטיגונג, ענטוועדער בהורת מתנה אדער אלם אנלייהע, עבענזא אז ער ווירד קראנק וכרומה צופעללע. אויך דארפין דיא גבאים זארגין פאר איהם ער זאלל בעקוממען א שטעללע. דאס קאמיטעט האט אויך דאס רעכט צוזאממענצונעהמען פרייע נדבות, אונ בייא פייערליכקייטען אונ פאמיליענפעסטע, אונ מעגין פערווענדען דיא פראצענט פון דעם פאנד וואס ווירד געגרינדעט אים דיא. דאס קאמיטעט בעשטעהט אוים א פרעזידענט, קאסירער, אונ 3 איינקויפס-געלדער. אללע יאהר אים מערץ דארף זיין א גענעראל מיטגליעדער געוועהלט אויף 3 יאהר. דאס קאמיטעט לעגט פאר חשבון פון פערזאמלונג פון אללע היימישע ני... עדעי, דאס קאמיטעט לעגט פאר חשבון פון

הכנסות

הכנסות מיט הוצאות, בעלענט אללע דאָקומענטע פֿון דיא וואס האָבן ערהאלטען אינ-טערשטיצונג פֿון דער קאַססע, סאַי נישענקט אָדער גיבאָרגט, נאָר דיא קוויטונגען פֿון דיא מתנות ווערין דערנאָך פֿערניכטעט. דער חשבון דארף פֿערעפֿפֿנטליכט ווערין אין דיא ציימונגען. דיא גענעראַל פֿערזאַמלונג קענן אויך פֿאָרשטעללין דער רעגיערונג מאנכעס צו ענדערן אים. אוסטאַוו אָדער נאָר דיא חברה אויפֿצולעזען. — אים יוני 1869 זענן נעוועזן 240 מיטגליעדער. איינקויפֿגעלד איז אריינגיפֿאללען 840 רו"כ. חודש געלד 720 רו"כ, נדבות 475 . 20 רו"כ, פּראָצענט פֿון דיא בילעטין 40 רו"כ. צוזאמען 2075 . 20 רו"כ. דערויף האָבן זייא אויסגעגעבן: אונטערשטיצונג אויף פֿערפֿאללען 426 . 11 רו"כ, הלוואות 93 רו"כ, דרוקען אוסטאווען אונ ביכערפֿירונג 19 . 80 רו"כ; ס"ה 538 . 91 רו"כ. געפֿינט זיך 1406 רובל אין בילעטין, 130 . 29 רו"כ מזומן. קוויטליך אויף 93 רו"כ. דעם חשבון האט דורכגעזעהן דיא אסיפה כוללת דען 18 יוני 1869 אונ בעשטעטיגט; אינטערשריעבען אויף דעם חשבון זענן: דער פרעזידענט. מרדכי זילבערמאן. קאסירער, אבא גאנז. טשלעניס, מרדכי בילענקע. זאב קאָסטעצקי, ברוך שלמה (פֿאמיליע נאמען איז פֿערצוקט), אברהם זאב בראדעצקי. — אָט דיא חברה האט א פנים וויא א היינטיגע חברה אונ וועט געוויס בליהען, אז דיא לייטע וועלין זיך נאָר האלטען אָן דיא תקנות אונ וועלין ניט דערלאָזען צו קיין כפליאָטקים, צו קיין אינטריגען, וואס דערפֿון שטאַמט ארויס מחלוקת, אונ דאס איז וויא דיא בראַנד וואס חאַפט זיך אריין אין א קערפער אונ פֿעצערהרט אונ פֿערניכטעט איהם אים גאנצען. מיר האָפֿפען אָבער אז דער ערפֿאָלג פֿונ'ם ערשטען יאָהר וועט זייא שוין אנקוראזשירען ווייטער אזוי צו פֿיהרען.

---

## חברה קדושה

מיר האָבן שוין געשילדערט דאס רעליגיעזע, וועלטליכע אונ געמיינדע לעבען פֿון בערדיטשובער יודען, איצט לאָמיר נאָך א בליק טהון אויף דעם סוף פֿונ'ם מענשליכען לעבען; דער עולם זאגט: „דער טוידט בעווייזט דעם אמת". לאָמיר בעטראַכטען וויא אין בערדיטשוב איז פֿאַרצייטענס אונ יעצט געוואָרנט פֿאר דעם ערדערנעם געפֿעס וואס דרינען האָט זיך אויפֿגעהאלטין א צייט דער געטליכער אָטהעם, דיא ערלע נשמה.

דאס יודענטהום האָט פֿון תמיד אָן מיט גרויס כבוד בעטראַכט דיא ערדישע איינ-הילל פֿונ'ם לעבענדיגען גייסט וואס האט אין איהר גיהערשט, זעלבסט דערנאָך ווען דיא זעלע איז ארויסגעפֿלויגען פֿון דער ענגען שטייג. דיא גרעסטע אכטונג האָט אונזער געזעטץ געבאָטען נעגען א טוידטען קערפער, אָהנע אונטערשייד וואס דער לעבעדיגער מענש איז געוועזין; בעווייזט איז בערדיערט זאָלל יעדער שטערבענדע ווערין פֿון דיא וואס האָבן זיך מיט איהם אָנגעקעהרט אונ וועלכע עס זענין מיט איהם אין נאָהנטער פֿערבינדונג געשטאנען. ממילא איז שוין אויסגעקומען או דער גרעסערער מענש, וואס האָט זיך מיט זיינע גייסטער-פֿעהינקייטען, מיט זיינע מעשים טובים אויסגעצייכענט, דער האָט געהאט א גרעסערן צירקעל וואס האָבן מיטגעפֿיהלט דען שמערץ איבער זיין טויט; אויסער דעם, איז קיין שום אונטערשייד אין דער בעהאנדלונג דער מתים,

אללע

אללע געהען אין לייגווענדענע תכריכים, אללע גראָבט מען א גלייך קבר, אללע איז מען גלייך מטהר אונ טהוט זייער רעכט, אפילו דאס נארישע מחילה בעטען גילט בייא יערען. עס איז א מצוה בייא יודען זיך מתעסק צו זיין מיט דער קבורה: נאָכצוגעהן צו דער לויה, ביים אָרימען וויא ביים רייכען, ביים למדן, ביים געלעהרטען, וויא ביים פּראָסטאק, אונ דאס הייסט „חבר של אמת". דאריבער איז פֿון אלטע צייטען אין אללע יודישע געמיינדען א חברא קדישא, אין איהר זענין דיא גרעסטע לייט פֿון שטאָדט, יעדער שטייערט עטוואס יעהרליך אָדער חודש געלד אין דער חברה קאַססע, חוץ וואס ער גיט ביים איינשרייבען. יעדער בעשעפֿטיגט זיך מעהר אָדער ווענינער מיט בעשטע-טיגונג דער לייכען. עס האט תמיד גיגאָלטען פֿאר א כבוד בייא יודען צו זיין א חברה קדושה מאנן, ווער שמועכט אז איינער האט דיא זכיה ניהאט געוועהלט צו זיין פֿאר א גבאי, האט ער זיך טאַקי אָבגעגעבן מיט דער מצוה גאנץ ערנסט. חוץ דעם איז אין אללע אלטע שטערט פֿאָרהאנדען א חברה ביקור חולים (צו נעבעטיגען בייא קראנקע פֿון אללע קלאססען, אונ צו זאָגען ווידוי מיט גיפֿעהרליכע חולאים; שטעהען אונ זאָגען דיא פֿאָרגעשריבענע געבעטע בשעת יציאת נשמה, אונ אָבהעבען), אונ א חברה נושאי המטה, וואס זענין זיך מתעסק אלליין מיט אללע מתים פֿון נאָך יציאת נשמה ביז צו דער לעצטע לאָפּאטע דאס קבר צו פֿערשיטטען. אללע מיטגליעדער האבן עס נאָר געטהאן לשם מצוה, נישט פֿאר דעם מינדעסטען אינטערעססע; אויסער איינער אָדער צוויא חברה קדושה שמשים וואס פֿלעגין געהמען געצאָהלט. — וואָלטין נאָר נישט געוועזין מאנכע סיסברייכע אונ אונפּאַסענדע מנהגים, וואס האָבן זיך איינגעשלייכט אין דיא חברות קדושות, וואהרשיינליך אין שפּעטערע צייטען דורך געוויססע אומשטענדע, אונ אביסיל ווייל יודען זענין דורך זייער שלעכטען לאגע אין מאנכע בעציהונג, אים גייסט געזונקען אונ דאדורך מאנכמאָל ניט געפֿיהלט אז זייא געהען אוועק פֿון דעם הייליגען פּרינציפּ אויף וועלכעם דיא חברה קדושה איז געגרינדעט — גלייכהייט נאָך דעם טויט אונ אכטונג פֿאר דעם מת, מיט דעם וואס זייא האָבן איינגעפֿיהרט פֿאר א תקנה, בייא יעדער פֿער-זאמלונג דער חברה, פֿון יעדען מת פֿאר חברה געלד צו טרינקען, אונ ווידער נאָך בעליעבען זיך אויסצובעטהען קבורה געלד, אונ לאָזען דאס מת ליעגען ביז מען גיט ניט על כל פנים משכנות אויף וויפֿיעל זייא פֿערלאנגען; וואָלט נאָר דאס נישט געוועזין, פֿערדיענט געוויס דיא חברה גענאַננט צו ווערין „קדושה" — דיא הייליגע.

דאריבער קענן מען דערקעננען אם בעסטען דען קאראקטער פֿון יעדער יודישע געמיינדע, אָן דער אָרט וויא דיא חברה קדושה איז געפֿיהרט געוואָרין פֿאָרצייטענס אונ יעצט. דאס בית עולם, דיא מצבות זענין דיא בעסטע עדות. טרעפֿט מען דאָרט א גוטע צוים ארום, אלטע מצבות גוט ערהאלטען, כמעט אויף אללע קברים עפּיס א צייכען, איין אלטער פנקס, א בוך וואו עס זענין איינגעשריבען אללע וואס ליעגען דאָרט כסדר, כדי מען זאָלל קעננען לייכט געפֿיננען יעדענס קבר, דאס בעווייזט או דיא גבאים האָבן חסיד מיט שכל אונ טרייא פֿערוואלטעט דיא חברה; פֿערקעהרט איז א צייכען או דאָרט איז מען ניט געשטאנען אויף דער מדרגה.

קוממט מען אין בערדיטשוב אויף דיא ביידע הייליגע ערטער, דערקעננט יעדער אויפֿמערקזאמע בעאָבאכטער, אז גאר אין אלטע צייטען האָבן געמוזט זיין גוטע גבאים אין דער חברה קדושה, נאָר מיט דער צייט איז עס פֿערנאכלעסיגט געוואָרין. דאס גאנץ אלטע בית עולם איז ארומגעצוימט מיט א שטארקער ציגעל מויער, נאָר אויף מהייל



ערטער

סען זייא בעתים רעכענען צו 2000 מתים דורכשניטליך א יאהר, מאכט אוים 140,000 ליענען דארט נאך אין א גרעסערע אונארדנונג פון דער וואס זייא האבין געלעבט, און פון דער שטארק איבערוויגענדער צאהל, איז קיין זכר ניט געבליבען אפילו אין א בוך.

מיר זענין אויך געוועזין אין דעם שטיביל פונ'ם בערדיטשובער רב ר' לוי יצחק ז"ל, דאס איז געבויעט וויא א מערת המכפלה, אין איין אבטהיילונג ליענט ער מיט דיא זיהן אין דער אנדערער אבטהיילונג דיא פרויא מיט דיא מעכטער. מערקווירדיג, מיר האבין עס שוין אין עטליכע צדיקים-שטיבליך בעמערקט, אז אויף דיא קברים איז גימאכט אוים האלץ שווארץ אבגעפארבט אין א פארם פון א זארג, דא ליענט מען אריין דיא קוויטליך. א חידוש, דאס הייסט ניט: „נישט יודיש" ; נאר א פנים זייא מעגין. מיליאנען קוויטליך ליענען דארט און לאמטען ברעננען. בייא דער טהיר זיצט איין אייניקיל און נעהמט אב פאשלינע פאר יעדע פאר פים וואס װיללען אריינגעהן צום צדיק, אדער וויבער צו דיא צדיקות, און א שרייבער זיצט דערנעבען און צייכענט דיא קוויטליך.

ביז פאר עטליכע יאהר האט דארט עקסיסטירט א חברה קדושה מיט גבאים פון דיא פארנעהמע, ביז אינטריגען און קריג האבין געבראכט דערצו אז דאס איז בטל געווארין. זייט דעמאלט איז דיא פערוואלטונג איבערגעגעבין געווארין צוויא מענשין וואס לעבין דערפון ; אין דער לעצטין צייט איז עס שוין איבערגעגאנגין צו איינעם בירושה, עס ווירד שוין דארוים א יודישע חזקה. מיר װילען נישט בעהויפטין אז דיא בעזאלדעטע פערוואלטער מאכין מיסברויך, זייא מעגין זיין וויא ערהליך, האט דיא זאך אים גאנצין אנגווארען איהר היילינקייט, איהר אלט יודישין קאראקטער. פון מענשין וואס דארפין שוין מיט בעווילינג דער גימיינדע דערפון געניעסין, קענן מען שוין נישט ערווארטין קיין שום וועזענטליכע פערבעססערונג, זאלכע קענין שוין נישט זעלבסטשטענדיג און לשם שמים זארגין פאר נייע נעטהיגע איינריכטונגן, וויא האנדלין שוין מאשינענמעסיג. — מען האט אונז זאגאר גיגעבין א חשבון פון 4 און 5 וואכין, מיר קעננין פון איהם אבער ניט קלוג ווערין. עס איז אויפגעטראגין איינקונפטע פון 4 וואכין 119,85 רו"כ, פון וועמין דיא הכנסה איז איינגעגאנגין און וויפיל יעדער האט גיגעבין מוז מען שוין גלייבין אויף נאמנות. הוצאות דאגעגין זענין אויסגירעכענט : 3 שמשים 22 רו"כ, 4 שמשתים 14,55 רו"כ, מתים פיהרער 14 רו"כ, משגיח 8 רו"כ, תיקון עירוב (דיא כתים אין בערדיטשוב דארפען א פנים איין עירוב) 4.80 רו"כ, שלשה אנשים (פאר וואס ?) 3 רו"כ, נכר ר' פב"פ (איז דאס א מין פענסיע !) 20 רו"כ, לעצמי (דאס איז װאהרשיינליך דער פערוואלטער און אליין בוכהאלטער) 32 רו"כ. דיא אללע אויסגאבען שטעהן אין איין רובריק און צוזאמענגערעכענט 118.35 רו"כ ; דאנן קומט ערשט גהעבער פאר 50 קרקעות גרויסע און 67 קליינע 25.5 רו"כ, נושאי מטה בער 4 וואכין 14 רו"כ, נרבה תדש (ווער איז דיא געוועזין ?) 6 רו"כ, רייניגין דאס וואססער פונ'ם אלטין (ניט גאנץ אלטין) און נייעם ב"ע (שיינט אז דיא מתים אין בערדיטשוב כישען זיך ניט איינס מיט דעם אנדערן, אין איין ברינגע איז ווענג צום טובלין) 8.82 רו"כ, 2 פונט ליכט, טינט און פאפיער 52 קאפ', דיא שמשים פון דער חברה קדושה מעות חטין (ניט פון מעות חטין געלד ? נאר פון דער חברה קאססע) 8 רו"כ, 21 שאק ברעטער 5.25 רו"כ, ארבע כוסות למשמשים 8.10 רו"כ (אה, טאקי א כום וויא חברה קדושה שמש איז געוואהנט, 3 שמשים קוממט אוים יעדען 70, 2 רו"כ אויף א שמש, אדער געניטין נאך אנדערע דערפון ? !), סטאראזש ביים משגיח'ס הויז 2,50

רו"כ



רו"כ; דיא צווייטע רובריק בעטרעפט 78,24 רו"כ, צוזאמען 196,59 רו"כ. ווייזט זיך אוים אז דיא פערוואלטער האבין דערלעגט 76,74 רו"כ דעם טאטענס ירושה. — פון 5 וואכין איז דיא הכנסה געוועזין 198,75 רו"כ, הוצאות 3 שמשים 27.50 רו"כ, 4 שמשתים 18,19 רו"כ, מתים פיהרער 17,50 רו"כ, משגיח 10 רו"כ, תיקון עירוב 3,25 רו"כ, שלשה אנשים (אפשר אברהם אבינו'ס אורחים) 3,75 רו"כ, נכר ר' פב"פ 25 רו"כ, זיך 40 רו"כ; תפרים 53 ג' 88 ק' 29,10 רו"כ, נושאי מטה 13,75 רו"כ, נרבה חודש 6 רו"כ, 14 זאכטיפים נייע 3,20 רו"כ לכותב 4 רו"כ, 5 לאפאטים 1 פונט גרות 55 קאפ', קוויטאנציע ליורשי דא"ק ט"ב 1,65 רו"כ, טינט 15 קאפ', סך הכל 203,59 רו"כ. צוואר פיעל וועניגער, נאר אלץ דערלעגט 4,84 רו"כ. פון וואנין נעהמען דיא ביעדנע לייטע צו דערלעגין? וואהרשיינליך ווארטין זייא אויף א פעטט מתיל, וועלין זיא זיך אבזוכין. — זאגט אייך וואס איהר וויללט בערדיטשובער נכברים אז דיא ארדנונג איז גוט, האט אונז ניט פעראיבעל, אונז געפעללט דא כלל וכלל ניט. חלעבין עס איז ניט ווערטה דאס וואס טינט האט געקאסט אזא מין בוכהאלטונג. — וואס העלפט דאס אבער אז אויף אללעם איז מאנגעל, און דאס איז דאס בעסטע סיסטעם, יערער וויל זיך זיין א שענער יוד און ניט מבטל זיין איינגעפיהרטע תקנות, טאמיר וועט מען איהם איבער 120 יאהר ניט וועלין צורעקין דיא מטה מיט'ם בערדיטשובער רב'ס ווייסע ושיפעצע, וואס ליענט וויא א רעליקיע אים ארון קודש פונ'ם בית המדרש, נאר איין קדושה מיט ספרי תורות, און דאס איז דיא גרעסטע זכיה ביא דארטיגע פיינע בריה'ס! דאדורך קומט מען גלייך אין גן עדן אריין.

---

# בילדונגס אנשטאלטין

לאמיר איבערגעהן צו עפים פרעהליכערס, חאטש מיר וואלטין דארט אויך געווינשט בעסער, נאר אלץ מעהר ארדנונג, מעהר נוטצין. אין בערדיטשוב זענין דא 2 קאזאנע שולען פערווי ראזראד, און 1 וטאראי ראזראד. אין דיא 1 און 2 ראזראדני וואס זענין אים הויזע ד' ה' ר' משה יצחק הורוויץ זענין מיר געוועזין בשעת פריפונג, האבין מיר געפונגען אז דיא קינדער פערשטעהן גוט דיא געגענשטענדע, אין דער צווייטין האבין זייא א גוטין בעגריף פון דקדוק, איבערזעטצין תנ"ך אויף רוססיש סקלאדנע, אין דער ערשטען קלאססע רעכנען דיא קינדער זעהר גוט און ערקלערין גאנץ דייטליך רוססיש. אוודאי וואלטין גיקעננט זיין אין דיא שולען מעהר קינדער, נאר כפאסיבא דערפאר. דיא בלאסטיטעלים זענין ה' מ"י הורוויץ און ד"ר ראטענבערג, לעצטער גיט זיך זעהר פיעל מיה, בעווכט עפטער דיא איהם אנפערטרויעטע שולען, שאפפט נעטהיגע טיטטעל און איבערוואכט דען אונטעררוכט.

איסערדעם איז דא א פריוואט קנאבין פאנסיאן פון 2 לעהרער ה' ה' קאליטער און וויינשטיין, זיא האט פריהער געבליהעט, איצט איז זיא געפאללין, וויל עס זענין ווענג שילער און דיא סאדערזשאטעלים דענקין זיא איפצוגעבין, געווים א שאד.

ווייטער האבין מיר אנגעקוקט וודרים איז א שרעק צו זעהן, דיא וויסטע דירה,

דיא

דארף דער דרדקי עטליכע, אויך דער גמרא מלמד; נאָר וואָלוויל קאָסט דורכגעננינג אַ בעהעלפער 100 רו"כ, האבען מיר נאך 18,000 רו"כ; היינט וואו איז ראש חודש געלד דעם מלמד, דעם בעהעלפער אונ דעם בעהעלפעריל, לעכט וכדומה קליינינקייטין, לאָמיר אָננעהמען נאר וואָלוויל צו 10 רו"כ אויף אַ חדר, בעטרעפט 1800 רו"כ; בעהייצונג אין טהייל אונ וואסער קוואז אללע צו זאמען 1000 רו"כ, צוזאמען קאָסטין חדרים מיט מלמדים 64,000 רו"כ. דיא 3 קרוינס שולען קאָסטין געוויס 7000 רו"כ, אונ דיא תלמוד תורה מיט שווערער נויט 2200 רו"כ. קאָסט אין בערדיטשוב דיא ערציעהונג דער מעננליכען יוגענד אונגעפעהר 73,000 רו"כ, חוץ פריוואט לעהרער וואס גיבען שטונדען אין פערשיעדענע געגענשטענדע, מעג מען אויך רעכנען האלב אומזיסט 2000 רו"כ. אַ שפאס 75,000 רו"כ! —

עבען זאָ שווער איז צו דערגעהן וויפיעל קינדער עס לערנין אין דיא אללע אנשטאלטין, מיר מוזען אויך נאר זוכען משער צו זיין: בייא דרדקי מלמדים פיעל, בייא גרויסע כתות וועניג, דאכט זיך מען מעג אננעהמען צו 20 אויף אַ מלמד, זענין 3000 קינדער; קאָסטעט דורכשניטליך אַ קינד איבער 20 רו"כ, דאס קאָסט געוויס, ווענן ניט מעהר; אונ דאס פאללט מעהרסטענס אויף דעם מיטטעלן אונ געמיינעם בעל בית.

וואלט ניט גלייכער גיוועזין דיא געמיינדע זאלל בעססער זארגין אללעס צו ארדנען אויף דעם שטייגער: אויסגעהן פון דעם גרונדזאטץ אז דער עיקר איז דיא רעליגיע, נאר מען דארף עפיס פאר דער וועלט, פאר דער מדינה, פאר דעם קינדס תכלית אויך זארגין; מען דארף דער רעגירונג צוליעב טהון אונ איהר ענטגעגען קוממען אונ דערמיט מקדש השם זיין, אונ וויזין וואס יודען זענין, אז בייא זייא איז דיא ערשטע פפליכט קינדער ערציעהן. אַ שטייגער, מען זאלל מאכין אין יעדער גאס פערהעלטניסמעסיג דער בעפעלקערונג, איינע, צווייא, אדער דרייא יעלעמענטאר שולען (ניט וויא אַ נאמען דרדקי חדרים); דאכט זיך וועט גענוג זיין אויף גאנץ בערדיטשוב 15 שטאט דיא דרדקי חדרים. יעדע שולע זאלל אויפנעהמען 100 קינדער, נאר עס זאללין זיין 2 אבטהיילונגען, אין יעדער אבטהיילונג 50 שילער. דערצו זאלל מען דינגען 2 גערייםיגע ציםמער, רעכנען 100 רו"כ; 2 לעהרער (מעג זיין 1 דרדקי מלמד אונ 1 לעהרער זאגאר 2 מלמדים אויב זייא זענין פעהיג צו לערנין מיט אנפענגער רוססיש ליינען אונ צאהלען אונ אָנהייב שענשרייבען) צו 300 רו"כ; אַ בעהעלפער 100 רו"כ; איין אונטערבעהעלפער 50 רו"כ; בעהייטצין, בעלייכטין אונ וואססער 50 רו"כ; פערשיעדענע קליינינקייטין 25 רו"כ. וועט קאָסטין אַ שולע 925 רו"כ, אללע 15 שולען 13,875 רו"כ; קוממט אויס אויף 1500 שילער, צו 9.25 רו"כ, אדער 77 קאָפּ' אַ חדש. וועלכין ארימאן קאָסט ניט דאס חדר מיט דיא נעבין זאכין וועניגסטענס אזוי פיעל.—

אין דיא שולען זאלל מען אריינגעהמן קינדער ניט יונגער פון 6 יאָהר, אונ אָנהייבין מיט זייא אל"ף בי"ת נאך דער נייעסטער מעטהאָדע, קען מען ברענגין מיטטעלמעסיגע קינדער אין אַ יאָהר בהדרגה זייא זאללין געלייפיג זאגין עברי, אויסענווייניג קעננין קריאת שמע, אשר אויך אשרי, אונ ברכת הנהנין, אויך אנהייבין חומש. נאך אונזער מיינונג איז גלייכער בראשית, דאס ווירקט שטארקער אונ איז אנציעהענדער פאר קינדישע פהאנטאזיע. נעבין דעם לערנען זייא שפיעלעדיג רוססיש לעזין, אַ פאָר אינטערעסאנטע פאבלען אויסענווייניג, זייא זאללין אויך פערשטעהן דען אינהאלט אונ וויסען וואס איטליכעס וואָרט בעטייט. ציפפערן צייכנען אונ דערקענען אונ צוזאמענזעטצען צאהלען

פון



פון 2 אדער 3 ציפפערן. אנפאנג שענשרייבין יודיש אונ רוססיש.— דאס אללעס וועלין גוטע לעהרער מיט פעדאגאָגישע פעהיגקייטין אים שטאנד זיין צו לייסטין אין 6 שעה טעגליך, פון 9 ביז 12 פאָרמיטטאג, אונ פון 2 ביז 5 נאָכמיטטאג. אונ אזוי פיעל קען אַ יודיש יונגעל בלייבין אין חדר, עס זאלל איהם ניט אנשטרענגען. נאטירליך אין מיטטען כוז מען זייא לאזין אללע מאָהל אויסרוהען, זיך שפילען אונטער אויפזיכט אונ איבערהויפט זאָל מען מיט זייא ניט שטרענג פערפאהרען, דאס קינד זאל ניט בעטראכטען דאס חדר פאר אַ תפיסה, דעם מלמד פאר אַ קאט אונ דאס לערנען פאר אַ שטראָף. דאס איז שוין אין דער פעדאגאָגיג בעוויזען אז מיט מילדע פיהרט מען בייא קינדער מעהר אויס.

ווידער 10 העכערע שולען, איטלעכע זאלל האבין 3 קלאססין, דיא ערשטע קענן זיין געטהיילט אין 2 פאראללעלען, א' אונ ב'; יעדע זאלל אופנעהמען 150 קינדער. דא זאָללין דיא אין יענע שולען גוט פאָרבערייטעטע קינדער אין דער ערשטען קלאססע לערנען, הומש ספר בראשית מיט אַ ווערטליכער רייגער איבערזעטצונג, אָהן אויסרעדעניטין. פונ'ם וואכענדיגין דאווינין וויא מעגליך איז, פירוש התלות; אלגעמיינע אנפאנגגגרינדע פון דקדוק; קורץ געפאַססטע ביבלישע געשיכטע, העברעאיש פון דער הורה מיט רוססישע איבערזעטצונג; דיא נעטהיגסטע דינים פון הלכות תפלה. אים רוססישען— געלייפיג לעזין אונ מאכעס איבערזעטצין; עטליכע נעריכטע אונ פאבעלן אויסווייניג; אללגעמיינע שפראכרעגעלן אונ דיקטאנדע אויף דער טאפעל. רעכנען —חיבור אונ חיסור; שענשרייבין, העברעאיש, רוססיש אונ דייטש אונ לאטייניטע שריפט.— אין דער צווייטען קלאססע— שכות ויקרא; משניות; פעלים שלמים מיט דיא כנוים; איבלענין לשון קודש; קורצע ביבלישע געשיכטע ביז חורבן בית ראשון. רוססיש— איבערזעטצין, גראמאטיק דיא רעדע טהיילע אונ דאס צייטוואָרט; ריכטיג שרייבען אינ אנאליזירען. דייטש לעזין. כפל אונ חילוק. שענשרייבין.— אין דער דריטטען קלאססע— במדבר דברים, יהושע שופטים (ווענן מעגליך), אנהייבין גמרא מיט רש"י, רש"י פון חומש. דקדוק— פעלים נחים כפולים אונ מרכבים, שמות אונ מלות. קורצע יודישע געשיכטע פון בית שני ביז איצט. דינים פון שבת, יו"ט, ימים נוראים אונ האלב פעסטע, מיט תעניתים גאנץ בקיצור, נאָר דאָס וואס יעדער יוד דארף וויסען צום פראקטישען געברויך. רוססיש בעססער פערשטעהן, קליינע אויפזעטצע מאכין, גראמאטיק דיא איבריגע רעדעטהיילע קורץ געפאסט, געדיכטע אונ פאבעלן אויסווענדיג אונ איבערזעטצען סקלאָרנע אינ'ס דייטשע. דייטש אביסל איבערזעטצען אים רוססישען, קורצע גראמאטיק, חשבונות מיט אויפגאבען, שעהן אונ שנעלל שרייבען, מעגליך אויך עטוואס רוססישע געשיכטע אונ בעגריפפע פון געאָגראפיע. לערנען קענן מען 7 ביז 8 שעה אין טאג — פון 9 ביז 1; פון 2 ביז 6.

דירה וועט קאָסטען דאכט זיך צו 200 רו"כ אַ שולע, מלמדים מיט לעהרער וואס זאָללען אונטער זיך איינטהיילין דיא געגענשטענדע אונ דיא שטונדען, קעננען אויף יעדער שולע נענוג זיין 4 (דאָך אַ שרייבלעהרער), יעדען צו 350 רו"כ, (איינעם דארף מען האבען אַ סטאַרשי וואס זאלל לייטען דיא שולע, דער פאר דארף מען איהם געבין אַ דירה, אָדער מעהר געהאַלט 150 רו"כ) דארפין זיין גוטע לעהרער, וואָרין זייא קעננען אויך זיך בעשעפטיגען נאך אין איין שולע, אדער בייא טהייל בעלי בתים פריוואט שטונדען, פון אנדערע געגענשטענדע, אדער ווידערהאָלען. שענשרייבער 150 רו"כ, שולדינער 100 רו"כ, בעהייטצונג, בעלייכטונג אונ וואסער וכדומה 75 רו"כ. מאכט

אוים

אויס 2125 רו"כ א שולע, 10 צוזאמען 21,250 רו"כ, קוממט אויס א שילער לויט 1500 אין אללע, צו — 16. 14 רו"כ (16. 1 רו"כ א חדש) בחצי חנם.

פון דיא שולען וועלין דיא קינדער ארויסגעהן מיט א גוטען בעגריף פון יודען אונ יודענטהום, וועלין וויסען אללעס וואס א יוד דארף וויסען אים פראקטישען רעליגיעזען לעבין, אונ שטארקען זייער גייסט צו יודישקייט. דערצו וועלין זייא קעננען דאס נעטהיגע צו דעם וועלטליכען לעבען, זייא קעננען שוין אין קיין שטאנד ניט פערלוירען ווערין, וועלין קעננען רעדין מיט א קריסט, שרייבען אונ לייענען א בריוויל, מאכין א חשבון, וויסען וויא אזוי דיא וועלט זעהט אויס, אונ וואס אים פאטער-לאנד איז פארגעגאנגען. אזוי וויא ניט יעדער טאטע איז אים שטאנד, אונ ניט יעדעס קינד איז פעהיג, אונ האט חשק ווייטער צו שטודירען, אז מען וועט זייא אוועקגעבין צו בעלי מלאכות אדער אין קלייטען, וועלין זייא מאכי ארויסוואכסען, פיינע מאראלישע, רעליגיעזע אונ ניטצליכע מענשין.

האבין מיר שוין פערזארגט 3000 קינדער, בלייבען נאך 600, אזוי פיעל קענן מען רעכנען קינדער מיט מעהר טאלענט אונ פליס צו פערשיעדענע אנדערע גייסטיגע אדער טעכנישע שטודיען. וועלין מיר פארשלאגען א פשרה אויף 3 חלקים: פערפאל־קאמנונג אים תלמוד, צום אויסבילדען רבנים, דיינים אונ שוחטים. ניטצליכע גוט בעלוינענדע מלאכות, פראקטיש אונ טהעארעטיש; אונ אנלייטונג צו סיסטעמאטיש קלאססישער אדער רעאלבילדונג.

1) א ישיבה פון 6 כתות מיט א ראש ישיבה א בעריהמטען רב א חריף א בקי אונ א בעל מדרש, וואס איז א גוטער בעל לשון קודש, אונ איז ניט פרעמד אין אנדערע חכמות אונ לשונות מיט 800 רו"כ געהאלט, צו איהם נאך 5 מלמדים אויך בעקאנטע לומדים אונ קלוגע מענשין מושלמים; יעדען 400 רו"כ; א דירה זאלל מען צורעכט מאכין דיא יעצטיגע תלמוד תורה, דארטין קעננען זיין זעהר שעהנע געריימיגע צימער, אז מען וועט טהייל ווענד ארויסנעהמען אונ סקאסירען איבריגע 3 קלייזליך, גענוג אייגט. בעהייצונג, בעלייכטונג אונ וואססער וכדומה, אויך 200 רו"כ; 3 לעהרער אויף רוסיש, דייטש, מאטהעמאטיק, געאגראפיע אונ געשיכטע, צו 200 רו"כ; ס"ה 3600 רו"כ. רעכנען אויף 200 ישיבה'ניקים, וועט קאסטען איינער 18 רו"כ יעהרליך, אדער 1.50 רו"כ א חודש. 6 יאהר איז דאכט זיך גענוג בייא גוטע מלמדים אונ איינגעפיהרטער ארדנונג דיא בחורים אויף א דרך ארויסצופיהרען, זייא זאללין שוין קעננען זיך אלליין ווייטער פערפאלקאמנען, אונ פון זייא וועלין זיין טיכטיגע רבנים דיינים אונ שוחטים. זייא קעננען זיך אויך לייכט פארבערייטען צו האלטין עקזאמין אין דער ראבבינערשולען אונ וועלין זיין קאזיאנני אונ דוחאווני רבנים. — איין צרה איז נאר, איטליכע קלאססע חסידים וועט וועללין אז דער ראש ישיבה אונ דיא מלמדים זאללין זיין פון זייער רבינ'ס פאהן. דאריבער איז גלייכער נאר צו וועהלען אזעלכע וואס געהערין צו קיינער פארטהייא, אבי זייא זענין לומדים, עהרליכע יודען.

2) א רעמעסלעננע שולע, אזא שטיגער וויא אין זיטאמיר, זאלל קאסטין 9000 רו"כ, קאסט א שילער 45 רו"כ, 3¾ רו"כ לחודש.

3) א יודיש פראגימנאזיום מיט א פאראלעל קלאססע, צו זארגין פאר דיא עלטערן וואס ווילען שוין זייערע קינדער בילדען הייגטיג וועלטיג. איבערהויפט אז דיא קינדער האבין טאלענט אונ חשק דערצו. דא זאלל מען מאכי לערנען אללע וועלטליכע

געגענשטענדע



געגענשטענדע; רוסיש, דייטש, פראנצעזיש, לאטיין, געשיכטע, געאגראפיע, כעמיע, פהיזיק וכדומה, אקוראט וויא אין דיא קרוינס אנשטאלטען; דיא מעלה וועט אבער זיין, דיא קינדער וועלין שבת אונ יום טוב פרייא זיין, אונ וועלין גוט לערנען זייער רעליגיע, יודישע ספרי מוסר אונ אללעס נעטהיגע דאס יודישקייט אין זייא צו בעפעסטיגען. אזא שולע עקאנאמיש איינגעפיהרט קענן קאסטין 9000 רו"כ, אויף 200 שילער, הייסט 45 רו"כ יעהרליך, ¾ 3 א חודש.

אין איינגע שולען קעננען איינגעריכטעט ווערין שבת שולען פאר לערניונגליך בייא בעלי מלאכות אונ משרתים'ליך, זייא זאללין זיך בעססער אויסבילדען. זייא זאללין מוזען קוממען אהין וועניגסטענס 3 מאל אין דער וואך. דאס קאסט ניט מהייער, לאמיר רעכנען 275 רו"כ אים גאנצין.

לויט אויפגעשטעללטין חשבון בערך וועלין אללע שולען דארפען קאסטין 57000 רו"כ, א חילוק אין 17.700 רו"כ געגען דעם וואס דעם עולם קאסט איצט אהן א צוועק. בכללות אים דורכשניטט גענוממען וועט קאסטין א שילער בערך 15.83 רו"כ א יאהר, 1.32 רו"כ א חורש.

יעדער פערשטעהט אז דיא ציפפערן וואס מיר האבין דא אויפגעשטעללט זענין נאר געשטעלט בערך. עס קענן זיין אז מיר האבין זיך אירגענד טועה געוועזין, אויף איין ארט וועניגער, אויף דעם אנדערן מעהר געצייכענט, נאר בכלל איז דאכט זיך ריכטיג. עבענזא האבין מיר דיא פראגראמם נאר פארגעלעגט א געוויססע פארם, דיא געמיינדע קאנן מאנכעס ענדערן. אונזער אבזיכט איז נאר געוועזין צו ווייזען אז מיט א סדר קענן מען א בעססערן תכלית דערלאנגען אין אללען בעציהונגען, אונ פיעל וועלוולער.

ווען דיא בערדיטשובער פרוממע גרויסע לייט זאללין זיך נאר וועללין צום הארץ נעהמען, אז דער יעצטיגער צושטאנד איז זעהר שלעכט, דעם פאלק קאסט פיעל געלד, חאטש דיא צייט איז ביטטער, אונ רובא דרובא אהן א צוועק, דיא קינדער וואכסען אויס אונ וויסען זיך ניט צו וואס צו נעהמען; זייא זאללין וועללען בערעכנען וויא דיא רעגיערונג, וויא דיא קריסטען אונטער וועלכע מיר לעבען קוקען דארויף; זייא זאללין וועללען זיך אומקוקען אז דער צייטגייסט רוהט ניט, אין אללע קלאססען פיהלען שוין עלטערן, אונ בייא דיא פרוממסטע חסידישע קוממען שוין קינדער צום שכל, אז קעננען איז נעטהיג אונ ניטצליך אויף דער וועלט, נאר ווייל זייא האבין ניט קיין ארדענטליכע יודישע שולען, חאפין זייא זיך צו וויא צו א פערבאטענער פרוכט אונ פערבלאנזין נאר; זייא זאללין זיך דערמאננען אן דעם וויכטיגעןווארט פון אונזער תלמוד: „כל ישראל ערבים זה בזה", דאס הייסט יעדער בעזונדער אונ דער כלל זענין פעראנטווארטליך פאר יעדען איינצעלנעם פעהלער, נאך מעהר אז מען קענן דאס בעווארנין אונ פערהיטען; פאלגליך יעדעס יודישע קינד וואס געהט אראב פונ'ם גלייכען וועג אונ פערנאכלעסיגט דאס יודענטהום, פאללען זיינע פעהלער צו לאסט דעם גאנצין יודענטהום, אללע יודען, יעדער געמיינדע, יעדעס איינצעלנען: זייא זאללין דאס אללעס וועלין איינזעהן, וואלטין זייא זיך גענומען דערצו. מיר האבין דארט קעננען געלערנט זעהר פראקטישע קלוגע וואהרהאפט פרוממע אונ איפריגע מענשין, זייא זאללין זיך נאר נעהמען דערצו וואלטין זייא עס בעשטיממט לייכט אויסגעפיהרט. דיא רעגיערונג וועט עס זעהר גוט אויפנעהמען, דערפאר זענין מיר זייא ערוב; מיר האבין איבער דען פלאן גערעדט מיט גרויסע לייטען אונ מיט איינגע פאטענטירטע; דיא טייל בעהעררע וועט צו פריעדען

זיין

זיין אראב צו פאטערין דעם קלאפאט צו פערזארגין דיא יודישע שולען. דאס זענין מיר איבערציינט, קיום וועט בערדיטשוב מיט דעם ביישפיעל פארגנגעהן, און וועלין אללע אנדערע שטערט אין יענע גובערניים נאכטהון. דיא שולבעהערדע וועט גאר איבערנעהמען דיא אבעראויפזיכט אין אלעם. וואס בעטרעפט דען אונטערריכט, וועט בעשטעטיגען לעהרער, דיא פראגראמם און איבערוואכען און קאנטראלירען אויב מען בעפאלגט זייא; דיא אדמיניסטראציע וועט זיא גערן איבערלאזען דער געמיינדע. — נאטירליך מוז דיא געמיינדע איינקוממען מיט א פראשעניע און ביילעגען א פרינאוואר וואו עס זאלל שטעהן דייטליך וואס זייא וויללען, און אז זייער וואונש איז אללע יודישע קינדער רעגעלמעסיג און צוועקמעסיג ערציהען אין גוט גערעגעלטע שולען. זייא כוזען אבער אויך געבין א בעוויז אז זייא מיינען עס ערנסט, און אז זייא זארגין דערפאר דיא זאכע זאלל א קיום האבין, היינו אז זייא גיבען צו דעם צוועק פון דער געמיינדע קאססע. למשל דיא געמיינדע זאלל איבער זיך געהמען דירה געלד פאר אללע שולען פון דעם קעסטיל צו צאהלען; דאס וועט בעטרעפפין אין ערך פון 5000 רו"כ; צו צאהלען פאר 5 פראצענט ארימע קינדער 3000 רו"כ, דערפאר האט זיא דאס רעכט אזוי פיעל צו בעפרייען פון שכר לימוד; זיא ברענגט זיך דערמיט איין א בעזונדערע תלמוד תורה צו האלטין, און דיא ארימע קינדער ווערין ערצאגען צעטהיילט אונטער בעל-בתישע; דער נאמען תלמוד תורה בלייבט דאך אין דער ישיבה. 1000 רו"כ אויף קליידער און שטיוועליך פאר געמיינע קינדער, צושטייער אויף ספרים און ביכער. דאס איז איין ערך פון 9000 רו"כ. דערפאר וואלטען זייא געקעננט פערשפארין דיא 5500 רו"כ ליכט-פאכט, וואָרין אז מעהרערע געמיינדע וועלין בעטען זייא וויללען מען זאלל זייא בעפרייען פון דעם שטייער, און זייא וועלין זעלבסט זייערע שולען פערזארגין, וועט געוויס דיא נתינה בטל ווערין, נאר גלאט וועט דיא רעגיערונג געבין דיא 5500 רו"כ צו א בעססערן צוועק, און דיא בעשטעהענדע שולען שליעסען. חוץ דעם 2200 רו"כ וואס דיא תלמוד תורה קאסט אין לײדען און אין צרות. איז שוין דא 7700 רו"כ; היינט וויפיעל קאסט דע-נעבען. אויף דער ערשטער איינריכטונג זאלל אויך דיא געמיינדע בעשטיממען א געוויססע סוממע, דאס איבריגע איז לייכט דארט צווישען דיא גבירים און נגידים צו זאמלען, וויא אויך אויף צו גרינדען א יודישע ביבליאטעק. ביוא גוטער פערוואלטונג וועלין אויך זיין עקאנאמישע סוממען, קענן דאס אויך פערווענדעט ווערין צו נעטהיגע זאכען. ווער שטועסט אז דיא געמיינדע אנגעלעגענהייטען בכלל מיט דער טאקסע זאללין געארדנעט ווערין, וויא מיר וועלין שפעטער רעדין דערפון, קענן דאס קעסטיל זעהר גוט געבין נאך 3000 רו"כ, יעדעס יאָהר איינינע מלמדים און לעהרער וואס האבין זיך אויסגעצייכענט דורך פעהיגקייטען און פליים צו בעלאהנען מיט א מתנה; קראנקע, אלטע אונטערשטיצען; קינדער וואס צייכנען זיך אוים ביים עקזאמען גאגראדים צו געבין.

מיר מוזען נאך אויף עטוואס אויפמערקזאם מאכין. אים פראגימנאזיום און אין דער רעמעסלעני שולע קוסטעט אים 45 רו"כ א שילער, דאס איז צו טהייער פאר עלטערן. צוואר וועלין זיך דיא פרוממע אויף דעם פראגימנאזיום ניט מצער זיין, לאז טהייער קאסטין וועט ניט איטליכער אים שטאנד זיין קינדער אריינצוגעבין; נאר דאס איז נישט גיוואגט, מיר רעדין דאך דא מען זאלל אללע צופריעדען שטעללין; ווען ניט וועט אפשר דיא רעגיערונג דאס נישט בעשטעטיגען. עס איז אבער דערצו אויך דא איין עצה; ערשטינס האט ה' ר' משה יצחק הורוויץ שוין אנגעציינט דער נאטשאלסטווא אז ער

שענקט



שענקט א הויז אויף א פראגימנאזיום. צווייטענס מוז מען ניט פערלאנגען אין יעדער שולע זאלל בערעכינט ווערין אקוראט מיט דער קאפיקע וויפיעל זיא קאסט און אזוי פיעל פאָדערן, ניט מעהר ניט ווייניגער, מען מוז מאכין א הערכה. למשל אין דיא עלעמענטאר שולען קענן מען זעהר גוט שטעללין 12 רובל א יאָהר (צו צאהלין פאר א זמן 6 רו"כ, מיטטעלע בעלי בתים קווארטעל-וויז 3 רו"כ, געמיינע בעלי בתים אללע חדש פינקטליך פאראוים 1 רו"כ און 10 פראצענט גאר אומזיסט), וועט מאכין 16,200 רו"כ; אין דיא 3 קלאססיגע 18 רו"כ א יאהר (9 רו"כ א זמן, 4.50 רו"כ א קווארטיל, 1.50 רו"כ א חודש, 10 פראצענט גראטים) 24,300 רו"כ. מאכין שוין דיא בידערלייא שולען 40,500 רו"כ, דיא געמיינדע גיט צו שטייער (אבגערעכינט אויף קליידער און ספרים 8000 רו"כ, ה' הורוויץ'ס הויז 1000 רו"כ, איז שוין דא 49,500 רו"כ, דיא 275 אויף דיא שבת שולען, בלייבען בערך 50,000 ה"כ. פעהלין נאך 7000 אויף אללע 3 העכערע שולען, וואס קאסטין 21,600 רו"כ. קענן מען שוין מאכין אין דער ישיבה פאר דיא וואס קעננין צאהלען 20 רו"כ א יאהר (א זמן 10 רו"כ א. ז. וו.), וואלט גימאכט 4000 רו"כ, ארעבווארפין 25 פראצענט ארימע גוטע בחורים, מאכט 3000 רו"כ. אים פראגימנאזיום אויך 20 רו"כ א יאהר, און נאר 15 פ"צ פרייא (וואָריך געוועהנליך שיקען אהין מעהר בעמיטטעלטע), 3400 רו"כ. אין דער רעמעסלענני שולע קענן מען רעכנען האלב ארימע אומזיסט און דיא אנדערע העלפט, ד"ה 100 קינדער צו 20 רו"כ, מאכט אויך 2000 רו"כ, צוזאממען איז שוין דא 8400 רו"כ.

צום איינריכטען, פערוואלטען און איבערוואכען דער שולען זאלל מען וועהלען און בעטין דיא רעגיערונג זיא זאלל בעשטעטיגען א קאמיטעט פונ'ם קאזיאנני רב, איינעם פון דיא מורי הוראה, 2 פון דיא פרוממע גבירים, 2 פון דיא אופגעקלערטע, און 2 נייטראלע, וואס זענין ניט קיין חסידים ניט קיין דייטשען, וועלך אללע פארטהייען זיין בעפריעדינט, זייא זאללין האבין אין דער האנד דיא גאנצע אדמיניסטראציע פון דער שולע. חוץ דעם זאלל אין יעדער גאס געוועהלט ווערין א קאמיסיע פון איינינע געניטע טענשין וואס וואהנען דארט און האבין צייט זיך אבצוגעבין, אזוי פיעל מיטגליעדער וויפיעל שולען עס זענין דא דארט, יעדער זאלל קוממען טעגליך אכטונג געבין עס זאלל אללעם געהן וויא דאס פראגראם שרייבט פאר, בעאבאכטין יעדען מלמד, יעדען לעהרער, יעדעס קינד, און זיך מערקען זייער טאלענט און פליים, וואכען איבער ארדנונג. יעדער פון זייא מעג א קוק געבין וויא עס געהט אין אנדערע שולען, כדי ער זאלל וויסען אויפמערקזאם צו מאכין בייא זיך וואס דארט איז בעססער. אללע וואך זאללין דיא קאמיסיעס זיך צונויפקוממען צוזאממען מיט דיא בעזאלדעטע לייטע דער שולע און איבערשמועסען איבער דיא נעטהיגע זאכין, און וואס זייא וועלין בעשליעסען זאללין זייא פארשטעללין דעם קאמיטעט, וואס האט אויך יעדע וואכע פאר זיך א זיצונג, נאר איין מאל אין חודש צוזאממען מיט דיא קאמיסיעס.

מיר אפעלירין בעזאנדערס צו איינינע איינפלוסרייכע און אכטבארע מענשען וואס יעדער פון זייא קענן ווירקען אויף זיין קרייז. פון דעם בית דין ווענדען מיר זיך צום מורה הוראה ר' יוזפא און בערופען זיך אויף אונזער געשפרעך מיט איהם, ער איז א קלוגער למדן, דענקט און רעדט זעהר לאגיש און סקלאדנע, ער פערשטעהט אין עסק, און זיינע' ווערטער קעננען פיעל ווירקען. — מיר זענין איבערציינט אז אין הארץ דענקט דער אנדערער ר' . . . . . אויך בעססער וויא ער

שטעלט

דארורך ווא איך להכעיס אונז וועלן צעשטערין א גיטען פלאן וואס מיט זיין קלארען פערשטאנד קענן ער זעהר גוט בעגרייפען וויא ניטצליך וויא עהרליך עס וואלט געוועזין. ובפרט אז מיר מינען ניט איהם צו בעליידיגען, נאר אויף געוויססע זאכן אויפמערקזאם צו מאכן, ווייל מיר אכטען אונ שעטצין זיין תורה זיין חכמה. מיר האבין דאס גליק ניט געהאט מיט איהם מינדליך זיך אויס צו שמועסען, מוזען מיר עס טהון שריפטליך.—

מעהר רעכנען מיר אבער אויף דען איינפלוס אונ אויף דער קלוגהייט פון דעם דארטיגען גביר ר׳ משה יוסף חארארווער, ער איז צוואר אויך א חסיד אונ א מחותן פון ר׳ דוד׳יל טאלנער, אונ חאטש ער גיהערט ניט צו זיין בעזונדער כת, צו דעם אדער יענעם רבי, בכלל האלט ער פון אללע. נאר דאס קענן קיינער ניט לייגנען אז ער איז באמת איין עהרליכער יוד, א למדן, א פרוממער אונ א רעכטשאפפענער מענש, האלט פון ארדענטליכע מענשן, זייא מעגן אפילו ניט זיין קיין חסידים; מהוט זעהר פיעל גוטס פאר ארימע לייט נאך זיין אלט יודיש סיסטעם, מיט זיינעם, אונ דורך נדבות זאמלין; ער אלליין גיט זיך אב דערמיט צונאויפצונעהמען געלד אויף הייצונג ווינטער אונ מעות חטין אויף פסח אונ בעשעפטיגט זיך אלליין מיט דעם צוטהיילען; פראהלט נישט מיט זיין גוטס אונ פערלאנגט נישט קיין לויב, קיין דאנק. מען האט אונז פערזיכערט אז ער דערהאלט דיא ביעדנע ארימע, אונ וואס ער מהוט איז נאר לשם שמים, ער איז ניט קיין צבוע, נאר איין וואהרער בעל צדקה. דערצו איין עושר אונ איין ערפאהרענער מתרישער אלטער יוד, א גרויסער איש מכובד. מיר ווינשען דך פונ׳ם גאנצין הארץ אונזער פלאן זאלל נאר איהם געפעללין, זענן מיר זיכער אז ער וועט מיט גאטטעס הילף אנגענומען ווערין, עס דארף איהם נאר קאסטן איין ווארט, וועלן זיך שוין געפינען פיעל וואס וועלן עס אונטערשטיטצען, חוץ פון דער חסידישער פארטייא. עס זענן דארט פיעלע דא וואס האלטין מיט חסידים, זייא זענן דאך זעהר קלוגע פיינע מענשין, אורטהיילען זעהר ריכטיג אונ פערשטעהען וואס דיא צייט פערלאנגט. אזוי למשל איז הגביר ר׳ חיים טראכטענבערג א הערליכער מענש וכדומה אנדערע. מיר צווייפלען ניט אז אזעלכע לייטישע נבירים אונ בעלי בתים וועלן איינזעהן אז אונזער פארשלאג איז טאקי אין דער יראה אריין לתכלית גוט. אט דאכט זיך דאס איז דער רעכטער וועג יודישקייט צו דערהאלטען. נאר פון דער פרוממער קלאססע קענן אויסגעהן א גערעגעלטע ערציעהונג פאר יודישע קינדער אויף עכט רעליגיעזעם פונדאמענט. אונ ווער און גאטט גלייבט, ווער עס האט אים הארצען ליעב זיין אמונה זיין נאציאן איז מחויב דערצו צו העלפען. אונטער שטרענגער אויפזיכט פון קלוגע פרוממע מענשן מוז יעדער מודה זיין אז עס איז קיין אחריות ניט וועלטליכע געגענשטענדע צו לערנען. איז דענן נישט דא צווישן חסידים אללײן מאנכע משלמים, ווענן אויך ווענינ הייל זייא פערנאכלעססיגען עס, אבער עס זענן דא, אונ דאס האט זייא נאר נישט געשאדעט.

פון ניט חסידישע אכטבארע מענשן ווענדין מיר זיך צו ר׳ יוסלי ליכטענשטאדט, ער איז דער מאן וואס קענן אין אללע בעציעהונגען אין דער אנגעלעגענהייט מיט ווירקען אונ האפפען אז ער וועט בייא אזא וויכטיגער זאך איינזעהן זיין מאקסים, זיך אין אללגעמיינע קהל׳ס זאכן ניט צו מישען, דא האנדעלט עס זיך אין א וויכטיגער זאך לשם שמים אונ ער איז פעהיג דורך זיין אנזעהן אונ זאכקענטניס פיעל צו ווירקן. — א שאר וואס הגביר ר׳ הירש קאמינקע זיצט נישט בעשטענדיג אין בערדיטשוב

און



אונ ציעהט זיך איבער הויפט צוריק פון געמיינדע אנגעלעגענהייטן; ואנסט האלט ער געקעננט זעהר ניטצליך זיין דער זאכע.

אונטער אויפגעקלערטע העבין מיר הערפאר צווייא איינפלוסרייכע אונ וואהלגעזיננטע מענשן; הגביר ר׳ משה יצחק הורוויץ אונ ד״ר ראפטענבערג. דער ערשטער מיט זיין חשיבות בייא נאטשאלסטווא, מיט זיין אנזעהן ביים פאלק, דורך זיין וואהלטהעטיגקייט, מיט זיין גוטען וויללען יודין ניטצליך צו זיין; דער אנדערער מיט זיין ענערגיע, מיט זיין בילדונג, מיט זיין געניטשאפט, וויא אזוי דעם עולם צו נייגען, ווייל ער האט שוין פיעל גוטעס געשטיפטעט אונ דאריבער זיך צוטרויען ערווארבען, דאבייא איז ער דער מענש וואס האט שוין ניט איין מאל בעוויזע געליפערט, אז דארט ווא עס האנדעלט זיך עפיס אין איין אללגעמיין ניטצליכער אנגעלעגענהייט, געפינגט ער בייא זיינער ערצטליכען בעשעפטיגונג צייט אונ אפפערט זיא גערן דעם טובת הכלל. מיר וויסען עס זענין דארט דא נאך אנדערע זעהר אכטבארע ערצטע, וויא ד״ר וואלקענשטיין, ד״ר איינהארן, ד״ר גאלדענבערג וכדומה געבילדעטע מענשין, אונ דיא העלפן זיך אויך ניט אבזאגין אנטהייל צו נעהמען אין דער וויכטיגען זאך. יעדער פון זייא האט אבער זיינע פפליכטען קינדער צו ערציעהען, וועהרענד ד״ר ראפטענבערג האט דיא דאגה ניט, אונ פאר זיך איז ער ב״ה פערזארגט, זענן זיינע וואהלטהאטען זיינע קינדער. אים אללגעמיינען האפפין מיר אז אונטער דיא אללע קלאססען וואס מיר האבין ערוועהנט וועלן זיך אנדערע ניט בעליידיגט פיהלען פאר וואס מיר האבין פון יעדער נאר דיא אייניגע אנגערופין מיט דיא נעמין. דיא זאך איז צו ערנסט אום פון כבוד, פון קנאה וועגן זיא צו צערשטערין. איבעריגענס מעגן זייא אונז הייליג גלויבן אז מיר האבין דא קיין מינדעסטע אבזיכט ניט, דיא צו שמייכלען אונ אנדערע אראבצוזעטצין; דיא פערזאנען זענן אונז גראד אויפגעפאללין אויף דיא געדאנקען. מיר וויסן גאנץ גוט אז זייא זענן נישט דיא איינציגע. זייא האבין אבער נאר נישט אנגעזארען, זייא קעננען זיך מעהר קונה שם זיין, אז זייא וועלן אין דער טהאט בעווייזן זייער פערשטאנד, זייער גוטען וויללען אונ זייער איפער פאר טובת הכלל. אונזערער וויטס זאגין מיר צו מיט אללעם מעגליכען אייך בייצושטעהן צו יעדער צייט ווענן מען וועט זיך צו אונז ווענדען, אונ ווינשען זיך עס זאלל מקוים ווערין בייא אייך: „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב“. דער יודע נסתרות וויסט וויא ערנסט מיר מיינען עס מיט אייך.

## דער קלוב

עס איז געוויס איינע פון דיא ניטצליכסטע צייטגעמעסע איינריכטונגען, פערזאממלונגס־ערטער צו מאכן ווא מען קענן אונגעשטערט אריינקומען אין א בעססערער געזעלשאפט, געהאלטענע געזעלשאפט פון פערשיעדענע קלאססען נאציאנען אונ רעליגיאנען, זיך אונטערהאלטען אין פערשיעדענע געניססע צו פערשאפפען, וואס איין פריוואט מענש קענן עס נישט אויספיהרען. למשל אז איינער וויל בייא זיך אין דער היים זיך אונטערהאלטען מיט מענשין, וואס דאס איז איינס דער וויכטיגסטען בעדירפניסע דעם



מענשן

את פֿערשטעלצין אין נעזעללשאַפֿטליכער און בירגעליכער בעציהונג חיא בריִדער פֿון איין פֿאָטערלאַנד; װעהרענד יעדער מעג זיך פֿרייא בלייבן בייא דיא איבערציינוגגען פֿון זיין רעליגיע; און איינער דארף שוינען דעם אנדערענס איבערצייגונגען און זיין פֿאָטערליכער רעליג... נדאס איז גיוועזן דער גרונד, וויא ער האט אונז אלליין גזאגט, וואס האט איהם בעוואָגן זיך ארויסצושטעללין און דורכצוזעטצין אז מען מוז איינפֿיהרען אַ ניט כשרה קעך אין קלוב, ניט יודין צו קרענקען אדער צו פֿערלאָקען ניט כשר צו עססען: נאר אזוי חיא אין בערדיטשוב װענין װעניג קריסטען און דיא װעניגע האבין גיוואלט אָבטרעטען פֿון קלוב נאר איבער דעם עססען, און ער האלט אז דער צוועק פֿון דעם קלוב איז נאר יודין מיט קריסטען צו פֿעראייניגען, וועט דאך דער עיקר צוועק פֿערפֿעהלט זיין, דיא אנגעקלאגטע יודישע איינפֿלוס רייכע פערזאָן האָט ה' ועכטען, פֿון זיין שטאנדפונקט אוים, אנגעקלאגט פֿאר אונז, אז יענער האט דאס ניט גיוואלט דערלאזין, נאר אז ער האט איהם געטראָשט, ער וועט קלאגין, אז יודין ווללען זיך נאר אבזונדערן פֿון קריסטען, און וועט פֿאָרשטעללין מען זאלל דען קלוב גאָר שליעסין, איז ערשט יענער בטילל גיווארין. מיר זענין זעהר צופֿריעדין גיוועזין פֿון דעם גישעהעניש, וויל מיר אלליין האבין עס אויך גיהאלטין פֿון דער פערזאָן פֿאר אין אומרעכט וואס ער האט עס צוגילאָזט, בשעת אין אונזערע בלעטטער איז גיוועזין איין ארטיקעל דארובער. היינט האבין מיר זיך איבער צייגט אז מען דארף ניט אזוי לייכט יעמאנדין בעשולדיגען ביז מען וויסט ניט אללעס גענויא. דאָ איז דיא פערזאָן גיוועזין אין גרויסער פֿערלעגנ-הייט, און האט זיך דאך ניט גיקענט ענטשליעסען דיא מיט מיהע ערוואָרבנע ניטצליכע אנשטאלט צו לאָזין שליעסין איבער דעם וואס מען האט פֿערלאנגט וויא אין אללגימיינע קלובען אַ פֿרייע קיכע. אז דאָ זענין יודין דער רוב, וועט ווייסט דאס ניט אז קריסטען האבין מעהר דעה, און קראַפֿט דורכצוזעטצין און אויסצופֿיהרען. עס איז קיינער ניט געצוואונגען פֿון יודין צו עססען, אז דיא וואס ערלויבין זיך, דיא פֿיהלען זיך ניט צו לאָזין ברעננין און צו גיהן אין דיא רעסטאָראציעס. — מיר האבין זיך דאך ניט גישעמט און גיזאָגט ה' ועכטען, אז וואס פֿאר אַ תירוצים מען קענן ענטווערן, דער הויפט-צוועק איז דאך פֿערפֿעהלט. עס איז פֿיעל וויכטיגער צו פֿערזעהנען דיא ארט-האָראַקטער מיט דיא אויפֿגיקלערטע יודין, אלס לעצטערע מיט קריסטען, ווארין מיט אַ פראָסטען יודין העלין דיא קריסטען ניט חעלין רעדין, ער זאלל אפילו גיהערין צו דער קלוב גיזעלל-שאַפֿט, און פֿון דיא איניגע קריסטענס וועגין איז ניט כדאי גיוועזין אויפֿצושלאָגין אַ קעך יענע צו טראַכטען און פֿערדרעגין. והראיה דיט דערמאָלט איז מאָקי דער קלוב געזונקען, דיא מיטגלידער פֿערמינדערען זיך, דער בופֿעט ועהרט אָן, וואָרין וואס קענן מען לאָזין בייא דיא עטליכע מענשין. אזוי אז איצט דערהאלט מען איהם קיים און מען זוכט שוין עקאָנאָמיע צו מאכין, ציסטער פֿערדינגען וכרוטה. עס איז צו האָפֿפֿין אז דיא ניט כשרה קעך זאלל אופֿהערין; וואלט אַ יושר גיוועזין אז דיא פֿרומערע קלאסע זאלל זיך לאָזין איינשרייבין און מען זאלל ערריכטען אַ יודישע קעך וואס וועט קעננען געבער בעשטעהן וויל פֿיעלע וועלין ניניעסין.

# דיא ביבליאטהעק

דער ערשטער וואס האט דיא אירעע גיהאט אַ לעזע ביבליאָטהעק צו גינדען איז ד״ר ראָטטענבערג, און ער האט זיך מאָקי דערצו אלליין גינומען, אונטערשטיצט פֿון מעהרערע בעססערדענקענדע איינגעריכטעט, תחלת אין דער סוכה פֿונ׳ם ראבבינער ה׳ פעסים, וועלכער האט זיך אויך אלליין אבגיגעבין מיט דער לייטונג אנענטגעלדליך. דערנאָך אז זיא האט זיך פֿערשטאַרקט און דיא צאָהל דער לעזער האט זיך פֿערמעהרט, האט מען זיא איינגעריכטעט אים קלוב, וויא זיא עקזיסטירט ביז היינט. עס זענען שוין דאָ אַ היפש ביסעל ביכער (נעגין 1500 באנד), דארונטער פֿיעלע רוססישע קלאסיקער. דער ביבליאָטעקאר איז בעזאָלדעט און דארף 3 מאָל אין דער וואָך נאכמיטטאָג איינגע בעשטיממטע שטונדען זיטצען און אבנעהמען און ארויסגעבין יעדין אבאָננענט ביכער. לעזער זענין קענין 70 מענער און פֿרויען, מייסטענס דיא יוגענד אפילו פֿון חסידישע הייזער. דער פרייז איז 30 קאָפּ׳ אַ חודש פֿאר איין בוך, 40 קאָפּ׳ פֿאר 2 ביכער: יעהרליך פֿאר 1 בוך 3 רו״כ, פֿאר 2 ביכער 4 רו״כ. — עס האבין זיך טהייל בעקלאגט אז עס ערייגענט זיך דער ביבליאָטעקאר פֿערזוימט דיא פֿעסטגיזעטצטע צייט און זייא מוזן עטליכע מאָל קוממען איידער זייא בייטען אַ ביכעל. אויב דאס איז וואהר איז רעכט דעם איבעל אבצוהעלפֿן. עבענזא וואָלט נעטהיג גיוועזין מען זאָלל ערלויבין דארט צו לייגען, עס זאלל אַ ציממער בעשטיממט זיין צו לעקטירע; ווארין עס זענען דאָ אַ סאך בחורים און יונגע לייט וואלטין גערין גילעזין, נאר זייא קעננין ניטשט אין דער היים, עס איז נאָך אַ פֿאנאטישע שטוב, אַ וועלטליכער בוך איז נאך אַ דאָרן אין דיא אויגין. מאנכע צייטונגען אדער צייטשריפֿטען װאלטין אויך ניטצליך גיוועזין.

# דיא פליויש פאכט

בעפֿאָר מיר שליעסען אונזער איבערזיכט איבער בערדיטשוב, וואס גילט פֿאר אַ שפיעגעל פֿון יענער גאנצער געגענד, מוזן מיר נאָך בעשפרעכין איינען פֿון דיא וויכטיגסטע געגענשטענדע וואס פֿון איהם קוממין אללע צרות, אללע מיסבריילכע און אללע מחלוקתין, קנאה און שנאה ארויס. עס איז ניט קיין לייכטע אויפֿגאבע את מיר זענין מודה אז דער קאָפּ איז אונז דולל גיווארין פֿון דיא אללע טענות וואס מיר האבין זיך אנגיהערט און אנגילעזין פראָ און קאָנטראָ. מיר וויסין אויך אז בעזאָנדערס איבער דעם פונקט וועלין אויף אונז זאָ מאנכע ברוגז זיין, און וועלין זוכין אונז צו אונטערשריעבען געוויססע פארטייליכקייט, צו ליעב זאגין דאס ארט אונז וועניג וואס; ערשטענס וויללען מיר דאָ קינעם ניט אין שוטץ נעהמען, און וועלין בעריהרען אללע פארטייען אהנע שאָנונג. צווייטענס העלין מיר מייסטענס זיך שטיטצען אויף ציפֿפֿערן און אויף בעוויזענע אור-זאכין וואס קיינער וועט זייא דאכט זיך ניט קעננען מכחיש זיין. דריטענס גיבען מיר אונזער

אונזער אנזיכט ניט פאר ענדגילטיג, צו יעדער צייט זענען מיר גרייט אין אונזערע בלעטטער אויפריכטיגע אויפקלערונגען אויף פאקטען געשטיצט, אין אונזערע בלעטטער אויפצונעהמען: אונ ווייטער איז אנטעגליך יוצא צו זיין פאר דער גאנצער וועלט, געגנט אז אונזערע געוויסען זענען ריין פאר גאט אונ פאר זיך אלליין.

דיא קלאָגען איבער דער טאַקסע זענען ניט אין בערדיטשוב אלליין, דאס איז איין אללגעמיינעס איבעל אין אללע יודישע געמיינדען, לייַדער אבער איין נאָטהעגדיגעס איבעל, וואס ביז אהער איז נאך ניט געלונגען קיינעם איין עצה צו פינדען דיעזעס איבעל ראַדיקאל אבצוהעלפען. נאָך אונזער מיינונג ליעגט ניט דאס שלעכטע אין דער טאַקסע אלליין, נאר אין דער פערוואַלטונג. צו אונזערם בעדויערן פעהלט נאך ביי יודען דער געמיינגייסט וואס פיהרט דערצו, אז דער כלל זאלל זארגען פאר דעם יחיד, אונ יעדער איינצעלנע — לטובת הכלל. אדער מיט אנדערע ווערטער, דיא געמיינדע מיט איהרע פאָרשטעהער זאללען זארגען פאר יעדען בעל בית, אונ יעדער בעל בית זאלל בעדענקען אז דאס קענן שאַדען דער אללגעמיינען זאכע, דארף מען עס נישט טהון. קהלס קאַססע איז ווי א שטיפקינד; קיינער בעדענקט נישט אז ער אלליין אונ זיין ברודער האט א חלק דרינען, אונ אז עס ווירד שלעכט פערוואַלטעט ליידט יעדער אונ דיא געזאַמטהייט דאַבייא. פערקעהרט ווי איינער קענן קהלס געלד אויס ברענגען אויף אוננויטציגע זאכען טהוט ער עס. עס הייסט אלץ — קהל קענן טראַגען, דאריבער מאכט מען איבערפליססיגע הוצאות, מען האלט אומזיסטע פרעססערס, אונ וואס מעהר מען ניט פאַר, מען וויל בעוואָרנען, מעהר מיסברויך געשיהט. טהייל האָבען זיך גאָר א היתר זייערם א קרוב, א בעקאַנטען צו פראָטעזשירען אונ וואלט איהם ארויף אויף קהלס פליציס, דער פאר מה ער ישון שוויינען אז יענער רעקאָמאַנדירט זיינעם. דיא גרעסטע קללה איז ביי יודען, אז ווער עס ריהרט זיך צו צו קהלס עסקים, ווער שמועסט צו דער טאַקסע, ווירד ער בעלידיגט אונ פערדעכטיגעט, אזוי אז ער פערזאָגט קינדס קינדער זיך ניט צו מישען אין אללגעמיינע אנגעלעגענהייטען, קוממט אללעס אין דיא הענד פון אועלכע מענשען וואס זוכען דערבייא זייער אינטערעס; יענע קעננען מאַכען פעהלער אויס אונוויססענהייט, דיא — צו זייער פאָרטהייל. דערצו זענען דיא יודישע געמיינדע פערהעלטניססע נאך אזוי ווייניג גערעגעלט אונ אויסגעגלייכט מיט דיא לאנדעס־געזעטצע, אז מען מוז זוכען המצאות, אנדערע נעמען געבין מאַנכע אויסגאבען. דאריבער קענן מען קיין עפפענטליכען רעכנונג געבין, מען מוז שווייגען; בלייבען ווייטער סודות אָהן א קאָנטראָללע. דיא לייטע מעגען נאך אזוי עהרליך זיין, איז מען זייא חושד, ובפרט אז עס געפינען זיך נאך איינגע סטיגאָטערס וואס ווללען יענעמאַנדען פאקים טהון, אונ חאפען ארויס פון מיטטען א ציפפער אונ לעגען אויס וויא זייא טויג, העטצען דערמיט אויף דעם נאַראַד, שטעללען זיך פאר קהלס פערזאָרגער אונ עס ווערן פראָצעססען וואס קאָסטען געלד, וועמען? ניט דיא אנקלעגער פון זייער קעשינע! נארראָנים זענען זייא! ניין, עס נעהמט אויס צו קהלס ביטול. דער צושטאנד הערשט אומעטום, נאר אין בערדיטשוב אין דער לעצטער צייט נאך מעהר, איינס ווייל עס איז א גרויסע יודישע גימיינדע, אונ דאס אנדערע ווייל עס זענען דארט פיעל בעזאָנדערע אומשטענדע וואס פיהרען דערצו.

עס וועט אונז צו ווייט פיהרען אָנצוהייבען פון פריהערע צייטען, דאס אלטע איז דאָך שוין אוודאי ניט צו פערבעסערן, געננג מיר וועלען רעדען פון דיא לעצטע 4 יאהר



יאהר. איידער דיא צייט איז געקוממען האט דיא געמיינדע איבערגעגעבען ר׳ משה יוסף תאָראָווער אונ ר׳ משה יצחק הורוויץ, זייא זאָללען נעהמען דיא טאַקסע פון קהלס וועגען, מען מאכט זייא אויך צום פאָרוואורף פאר וואס זייא האבען עס איבערגעגעבען בעלי טאַקסים. אזוי פיעל אונז איז בעקאַנט, איז דאס געזעטצליך ניט ערלויבט לטובת הכלל דיא טאַקסע צו האלטען, ווענינסטענס כוו מען דארויף האבען א בעזאָנדערע ערלויבניס פונ׳ם מיניסטער. איבריגענס זעהן מיר נישט אין איב דאס איז בעססער. דיא גרויסע לייט וואס מען קענן אנפערטרויען אזא קאַססע, זענען צו זעהר בעשעפטיגט מיט זייערע אייגענע געשעפטען, זייא זאָללען זיך קעננען אלליין אבגעבען מיט דעם עסק טאג אונ נאַכט, אבליגען אין שעכטהויז אונ אין דיא יאטקיס אונ בעשטענדיג האבען צו טהון מיט דיא קצבים אונ אפילו מיט דיא עהרליכע יודען דיא שוחטים. מיט א קוק איז מען דאָ ניט יוצא. הייגט זענען ערלערע מענשען וואס האבען קיין מאָל ניט גיהאלטען קיין פאַכט נאר נישט געניט אין דעם גיעדריגען געשעפט. סילא וועלען זייא דאך מוזען אנקוממען צו בעזאָלדעטע מענכען וואס זענען בריות דערצו, ווארום פון עהרליכע שליסמוליניקים קענן מען נאר קיין נוטץ ניט האבען, אונ דיא וואס פערשטעהען יאָ דעם עסק, אז זייא נעהמען דער פאר געלד, זענען זייא זיך מהיל מאָל מורה היתר. וועלכעס דעם עהרליכסטען געוועגענעם מענש קענן דיא זאך ניט אזוי אינטערעסירען וויא דעם בעל־בית, וואס נעהמט עס פאר א געשעפט אונ־זוכט דערבייא זיין פראָפיט; ער ווייסט זעהר גוט אז א מינדערטע פערנאַכלעסיגונג וועט איהם קאָסטען אונ זוכט וויא מעגליך זיינע איינקינפטע צו זיכערן אונ צו פערגרעסערן. דאריבער איז ניט אזוי לייכט צו בעשולדיגען דיא 2 גבירים אז זייא האבען דען קלאָפאָץ ניט אויף זיך גינוממען, נאר האבען עס איבערגעגעבען מענשען וואס זייא האבען גירעכענט פאר ערדענטליכע אונ זענען צופערלעססיג אז זייא וועלען געבען דאס פערשפראָכענע, חוץ דעם וואס זייא צאָהלען אקציז לויט קאָנטראַקט. אוודאי איז דאס זעהר וויכטיג צו בעוואָרנען, וואס מהוט מען אז מען האט צוטהון מיט שווינדלערס אונ זייא דרעהען דערנאך, רוף זייא קנאַקניסעל.

דאָך איז אין דיא 4 יאהר מעהר ליארם מעהר קלאָגען, עס איז אין דער שטאדט א שרעקליך גערודער. אויב עס נעהמט באמת היינט ערגער צו וויא פריהער, איז שווער צו דערגעהן, נאָר וויא פיעל מיר האבען געקעננט ארויסקריגען זענען מיר צו דער איבערציגונג געקוממען, אז אין דעם גאנצען גערודער זענען שולדיג איינגע מענשען, ווארין יודען בכלל זענען פעריאָגט אין פרנסה, אונ קיינער קיממערט זיך נישט וויא עס געהט צו אין שטעדטישע זאכען, אין דער טאַקסע; יעדער צאָהלט געביך זיין בלוט פאר ביינער אונ מיינט אז דעם יודען מוז אזוי שווער אונ ביטטער, אזוי טהייער, אָנקוממען א שטיקיל פלייש; אנדערש וועט עס גאָר ניט זיין כשר. נאָר אז מען העצט אונטער הייבט אָן איטליכער אונטערן אויפען, אויך אין רעדליך קריטיזירען, דאס וויל זיך קיינער נישט איבערצייגען אויב אללעס איז וואהר, אונ נאָך ווייניגער עפיס צו טהון אבצוהעלפען. שטעללען זיך איינגע שרייערס ארויס, אונטערשטיצט מען זייא נישט אונ מען קלערט אפילו ניט נאָך אויב זייא מיינען עס טאקי לשם שמים. דאריבער קוממען זעהר אָפט דיא שרייערס ארויס פון אויבען אונ ווערן קהלס פערזאָרגער, אונ זאָגען נאָך ערגער וויא דיא וואס זייא האבען אנגעקלאגט.

אתמער דיא יעצטיגע בערדיטשובער אייפערער פאר קהל, שטעללען זיך ארויס

צוויא

קאָסט נאָך אַ פּאָר רובל, און מישטשאַנים זענען אויך דאָ בעמיטעלטע וואָס קענען פאר זיך צאָהלען. בלייבט נאָר פאר בלויז אָרימע, אַלטע, קראַנקע, פאר דיא איז רעכט פון דער געמיינדע קאסטע צו צאָהלען. — 7000 רו"כ אויף בקור חולים, איז ווענג. הצטרכות הקהלה 6000 רו"כ, עגלות 1300 רו"כ, דיא שפּעט קענגען מיר זיך נישט ערקלערען, ווייל מיר האָבען ערשט דאָס צעטיל ערהאַלטען אַז מיר זענען שוין נישט געווען אין בערדיטשוב. פּאָווערעגני 1000 רו"כ; דאָס איז אויך איבריג; אַז אללעס זאָלל זיין אין אָרדנונג געפיהרט, וואָלט מען נישט נידאַרפט קיין חאָראָטאַי. על בית הכנסת 1000 רו"כ; דאָס איז אפילו קיין עולה ניט, דאָך איז דאָס ערגיץ אַנדערש ניט נוהג, און ווען עס זאָללען אין בערדיטשוב ניט זיין אַזוי פּיעל קלייזליך, וואָלט דיא שול ניט נידאַרפט קיין שטיצע פון דער טאַקסע. — תלמוד תורה מיט חברת אלמנות ויתומים 1600 רו"כ, ווענג פאר דער תלמוד תורה אלליין. — דעם ראַבבינער 500 רו"כ, געווים קנאפּ. אלס עהלער מענש וואָס רייסט נישט, קענן ער האָבען נאָך 500 ביז 600 רו"כ, לאָמיר רעכנען פּיעל 700 רו"כ, איז נישט מעגליך אנשטענדיג צו לעבען מיט פאַמיליע, ובפרט ער דאַרף בכבוד זיטצען, און אַ רב ווירד אָפט פון אָרמע אין אַנשר פרוך גענומען. על חוב מהאָפּעטשיטעלים לבקור חולים 2500 רו"כ. דאָס וועלין מיר ווייטער ערקלערען. אויף גובערנסקי ראַסחאָדען 10 פּראָצענט פונ'ם קאָנטראַקט 4000 רו"כ. מן הסתם אַז דאָס שטעהט אַרויס אין דער סמעטע און איז בעשטעטינט פון נאַטשאַלסטווא, מעג עס זיין, קיממט אויס אַקוראַט.

לאָמיר ווידער בעטראַכטין דאָס זייטען צעטיל, דיא זאָגענאַננטע טאַבעללע „מאנשי העיר": דיא צווייא מורה הוראות, ר' יוזפא און ר' דוד אָרטענבערג צו 12 קערבליך אַ וואָך, 1248 רו"כ. חוץ זייא זענען אָבער נאָך דאָ 7 דיינים, 2 צו 60. 7 רו"כ, איינער 6.50 רו"כ, 2 צו 5 רו"כ, איינער 50. 3 רו"כ, און איינער 3 רו"כ. קאָסטען 9 דיינים 3224 רו"כ. דאָס פערשטעהט מען גאַנץ נוט אַז פון דעם גיהאַלט לעבען זייא קיינס נישט, פאַלט ווידער אויף דעם עולם. פרעגט זיך אויב מען מוז טאַקי אין איטלעכען ווינקעלע האָבען אַ בעזונדערן דיין? וואָלט ניט מעגליך געווען צו מאַכין אין עקאָנאָמיע, איינעם אויף 2 בענאַכבאַרטע גאַססען? ער וועט זיך אשר אופאָרין. — יעצט שוחטים זענען דאָ 16, שלעפּין זייא אַרויס 4511 רו"כ, נאָ הייבט זיך אָן — אין משגיח 8 רובל רו"כ דיא וואָך, יעהרליך 416 רו"כ; חוץ דעם אַ משגיח אויף פליאַקים 4 רובל, אויך 208 רו"כ, 4 מנקרים קאָסטען 18 רו"כ וועכענטליך — 936 רו"כ. נאָך, מאיר וועננער 3 רו"כ, איטשע פראַניק 1.20 רו"כ, רבקה לאה 1.50 רו"כ, אפרים ברוך 2 רו"כ, 7.70 דיא וואָך, יעהרליך 40. 400 רו"כ. נאָר איבערנייעס, נאמנים מטשקל 6 רו"כ, 312 רו"כ, נאָכדעם קלאָגט דיא גאַנצע שטאָדט אַז מען גיט אַ פאַלשע וואָג. קלייטען פאר דיא מנקרים און דיא נאמנים פון דער וואָג 25. 1 רו"כ, 65 רו"כ. דערנאָך פאָלגען פענסיעס: אַ שוחט'ס אַ ווייב 11 רו"כ, 572 רו"כ, עפּיס אַ נוסא, 1 שוחט מיכל און איינער ר' ניסן צו 1.50 רו"כ, 156 רו"כ, ר' אברהם שו"ב 2 רו"כ, 104 רו"כ, ר' מרדכי שו"ב 3 רו"כ, 156 רו"כ. מיר מוזען בעמערקען אַז אונטער דיא פּענסיע־ליטע שוחטים געפינט זיך איינער מיין איך וואָס פאר 30 יאָהר האָט ר' שלמה קלוגער איהם גיאַסרט צו שחיטה, פון דעסטוועגען נעהמט ער דיא גאַנצע צייט פענסיע; ווידער דיא



דיא מעשה, אַ יורישע חוקה. בני הרב מפיקב 3.50 רו"כ, בת הרב ר' יוסף 1.50 רו"כ, אויך 260 רו"כ יעהרליך, צוזאַממען 11220.40 רו"כ, אַ שרעקליכע הוצאה!

## שלום בעמערקונג.

פון דעם אללעס וואָס מיר האָבען געשילדערט דיא צושטענדע און דען קאַראַקטער פון בערדיטשובער געמיינדע, זעהט מען, אַז עס איז אונרעכט אַזוי ערה צו בעלידיגען און איהר אָבשפּרעכין אַז עס איז נאָר קיין זינן פאר עטוואָס בעסערעס נישט דאָ; אַז דאָרט איז חושך, קיין פּראַקטישער בעגריף. ניין, עס איז איין עכט יורישע שטאָדט מיט פיעל פאָרצייטיגישע מעלות און גוטע מדות, עס געפינען זיך אַ סך קלוגע ערפאַהרענע פּראַקטישע מענשין דווקא אונטער חסידים, וואָס פערשטעהען זעהר גוט וואָס דיא צייט פאָדערט, און וואָלטין גערין פאָרווערטס געהען מיט דעם צייטגייסט, זייערע קינדער בעססער ערציעהען, נאָר אָביסיל שעניערט זיך איינער פאר דעם אַנדערן, אביסיל האָט יעדער מורא פאר דער מורא דאָס יורישקייט זאָלל ניט ליידען דערבייא, ווייל מען זעהט, בעוונותינו הרבים, היינטיגע צייטען שלעכטע בייששפּיעלע פאר זיך, מען געפינט שוין דאָרט זעהר פיינע יונגע לייט און בחורים, וואָס לערנען געשמאַק שפּראַכען און וויססענשאַפטען פערבאָרגענערהייט. עס געהט אַרויס פון דאָרט פּיעל צדקה און מאַנכעס איז שוין גערעגילט. אַ קליינע געזעללשאַפט אייראָפּעאיש געזינגטע מענשין טרעפט מען שוין אויך דאָרט, מאַנכע אונטער זייא זעהר פיינע, וואַהרהאַפט געבילדעטע. עס איז געווים אומרעכט צו בעשולדיגען דיא דאָרטיגע גרעסטע לייט, פון דער חסידישער וויא פון דער אויפגעקלערטער פּאַרטייא, אַז זייא זאָרגען נישט לטובת הכלל, נאָר דיא פער־שיעדענע קאַראַקטערע און ענטגעגענזעטצטע געזינונגען פּעראייניגען זיך צו אייגענניציגע אינטערעססין; אַ בעשולדיגונג וואָס איז דאָפּעל געגען דער נאַטור: קיין עושר וועט זיך ניט שטוציג מאַכין אָרימע לייט צו בעראַבעווען, ובפרט מענשין מיט בעקאַנטע עהרווירדיגע נעמין; צווייטענס איז אונמעגליך אַז מיט גאַנץ אַנדערע ריכטונגען זאָללין זיך פערטרויען איינער דעם אַנדערן מגלה זיין דיא פערברעכערישע אבזיכט. דאָס איבעל איז נאָר, וואָס קיין אחדות איז נישט דאָ, יעדער ציעהעט אויף איין אַנדערער זייט; נאָך שלימער איז, איטלעכער זאָגט זיך אָב זיין דעה בייא זיך אין דער היים, אין בית המדרש, אין קלויז, אונטער זיין עולם, זעצט אויס פעהלער, נאָר זוכט נישט דיא עצה זייא אויסצובעססערן, דערווייל בלייבט עס בייא אַלטין און עס פיהרט זיך וויא אַ שיף אָהן אַ רודער, אָט אבי איבערצושטערכין: דאָס מאַכט פּיעל מיסבריך, פיעל אונאָרדנונג און קאָסט דיא גימיינדע מאַססין געלד אָהן אַ צוועק; עס נעהט פיעל לאיבוד אויף לאַטען אויף שמיערען, אויף פערשטעללטע נעמין, איז ניט מעגליך קיין חשבון.

נאָר וואָס האָט מען צו רעדין פון עבר, דאָס איז שוין פערפאַללין, דיא אללע פּראָשעניעס, אללע שילדערונגען, זייא זאָללין אפילו 75 פּראָצענט וואָהר זיין, וועט מען

עס

עס שווערליך בעווייזן און גאָך אללעמין וועט דער אבשטשעסטווא לחלוטין גאר נישט ארויסקומען; עס פֿיהרט נאָר צו מראָץ, און אָבצושרעקין יערין בעססערן מענש וואס היט זיין כבוד, זיך ניט צו וועללין מישין אין גימיינדע אנגילעגינהייטין; ווענין גלוסט זיך עס בעלידיגט צו ווערין פֿאר זיין מיה? דערמיט האלט מען נאר אויף דיא פֿער־בעססערונגין און העצט דיא געמיטהער, עס זאלל זיין אַ פירוד הלבבות.

גלייכער וואלט גיוועזין מען זאלל בעסער דענקין אויף להבא דיא וואהרע פֿעהלער ראדיקאל אויסצובעססערן, וועט שוין ממילא אויפֿהערין מיסברויך. דער עיקר איז, זיך ערנסט צו נעהמין מיט פֿעראיינגטע קרעפֿטין, אללעס צו צענטראליזירין. מיר האפֿפין אז דיא 30 רעפּרעזענטאנטין וואס דיא גימיינדע האט גיוועהלט, וועלין אללעס רוהיג אונ פֿערנינפֿטיג איבערלעגין, וויא זייא זענין עס ווירקליך אים שטאנד. יעדער זאלל נאר אוועגלעגין, בשעת ער קיממט צו דער זיטצונג, זיין פֿארגיפֿאסטע מיינונג; עס זאלל אויפֿהערין דאס מיסטרויען וואס דיא פּארטייען האבין איינע גענין דער אנדערין; מען זאלל ניט אריינלעגין אין יערין טווענר שפיצען און קלערין וואס קיין שונא איבער־טראכט נישט; נאר געהן מיט דעם גראדען מענשינפֿערשטאנד, וואס פֿעהלט זייא ב"ה ניט, און מיט ריינע גיוויסין איממער דאס אללגימיינע וואהל פֿאר דיא אויגין. זועט נעווים בערדיטשוב אין קורצער צייט פֿערדיענין צו בילדען אַ מוסטערגימיינדע פֿאר גאנץ רוסלאנד, עס וועלין זיך דאָרט פֿעראיינינין — תורה, יראת שמים, חכמה אונ מעשים טובים, אונ דאס זענין בייא נוט איינגעפֿיהרטער ארדנונג, דיא בעסטין מיטטעל צו העבין דען וואהלשטאנד אין שטאָדט. בערדיטשוב איז טאקי גיפֿאללין, מאנכע פֿאָרטהיילע זענין איהר אוועקגיפֿאללין, עס זענין אבער נאך דאָ גענוג קוועללין אונ נייע קענין גישאפֿפֿין ווערין; עס פֿעהלט נאר לייזער גוטער ווילליין אונ איינהייט בייא דיא קעפּ, ארדנונג איינצופֿיהרען, אונ פֿלייסיגע הענד צו בעארביימין. דיא גרויסע זאללין נאר אביסיל מיה צולעגין, ניט נאר פֿאר דען אויגינבליק צו זארגין, נאר אין תכלית אריין פיר דיא צוקונפֿט, אונ דיא מאססע זאלל נאר האבין מעהר סאָלידעס פּראקטישעס וויססין, וואָלט בערדיטשוב גיקענט נייא אויפֿבליהען. דיא אייזענבאהן קענן, צום פֿאָרטהייל בענוצט ווערין, פֿאבריקען וואָלטין פֿיעל שפֿע אריינגעברענגט וכדומה.

אויף איינגע הויפּטזאכין ערלויבין מיר זיך נאָך אַ מאָל דיא אויפֿמערקזאמקייט דעם גייען פֿאָרשטאנדעס נאָכדריקליך צו לענקין, וואס זענין נאך אונזער מיינונג דיא אורזאכין פֿון אללע איבעלשטענדע אין דער גימיינדע און פֿערדיענין פֿאר אללעם בעריק־זיכטיגעט און אבגיהאָלפֿין צו ווערין.

1) דיא צערשפּליטרונג אין 81 בעטהייזער איז שעדליך לטובת הכלל. עס מוזין פֿיעל אבגישאפֿט ווערין, בעזאָנדערס דיא גירונגענע אונ דיא וואס זענין עטליכע אין איין הויז ארער נעבין איינאנדער, אונ דיא גרויסע שול זאלל בילדען אַ צענטראלפּונקט. עס וועט אייך איינשפּאָרין דעם עולם פֿיעל אומזיסטע ארסגאבין.

2) איינע ארדנונג אין דער ערציעהונג, אונ אים אונטעררינכט דער יוגענד אנגע־פֿעהר וויא מיר האבין אויבין פּראָפּאָנירט. דאס איז העכסט וויכטיג אונ דרינגענד, עס איז אַ שאָד צייט צו פֿערליערען. זייא דארפֿין עס מהון פֿון נאָטט'ס וועגין, פֿון אונזערע ברידערס וועגין, דער רעגירונג צו ליעב, אונ לכבוד כל ישראל.

אויך זייא האבין קיין צווייפֿעל ניט צו דעם פּלאן, איידער מען זעהט אין דער ווירקליכקייט



ווירקליכקייט אז דאס איז צוועקמעסיג וויא עס שיינט אויף דעם פּאַפּיער; אחער עס איז שווער מיט איין מאָל אַזאַ איבערקעהרעניש אים אלטין אבגילעבטין צוועקלאָזין סיסטעם צו מאכין; זאָללין זייא דערווייל אנפֿאנגין מיט 5 עלעמענטארשולען אונ 3 דרייקלאסיגע, ווענן מעגליך אויך אַ ישיבה מיט אַ פּראָגימנאזיום; אבי דער אנפֿאנג, דער רעגירונג צו הילפֿע צוקוממען. מיר זענין איבערצייגט, אז קוים וועלין דיא ערשטע גימיינדע שולען גיעפֿפֿינט ווערין, וועלין זייא אזוי פֿיעל זיין, אז מען וועט מוזין נאך נייע ערריכטען.

3) איינע איינגרייפֿענדע נייע אָרדענונג אין דעם סיסטעם פֿון דער טאַקסע. מיר קענין זייא נישט ראָטהען וויא טהייל פֿאָרטשריטטסמענער בעהויפּטין דיא פֿליש טאַקסע זאָלל גאנץ אויפֿהערין אונ שטאט דעם זאָלל גימאכט ווערין אַ הערכה אויף דיא בעלי בתים. נור נאַטירליך מוז מען זעהן אללעס צו בעוואָרנען, עס זאלל ניט אזוי פֿיעל קאַליע ווערין. דערצו דארף מען בעריקזיכטיגין מעהרערע ענינים, אונ אללעס מיט ערלויבניס דער האָהען רעגיערונג.

א) זאלל מען קודם כל זוכין וויא מעגליך דיא סמעטע צו פֿערקליינערן. פֿיעלע זאכין קעננען געשטריכען אָדער פֿעמינדערט ווערין, ווען מען וועט נאָר איבערוויגדען דאס אלטע סיסטעם — אללעס, אפילו דאס אונגרעכטע אָנצורופֿין חוקה. פֿאר וואס זאלל קהל בילליגען איין עולה ווייל זיא האט לאנג גידויערט? — דאגעגין זאלל אללעס וואס דיא גימיינדע דארף ווירקליך אויסגעבין, שטעהן מיט דעם רעכטין נאָמין, אונ מען זאָלל זיך מיהע געבין דיא רעגיערונג זאָלל אללעס בעשטעטיגען. בייא וועניגער הוצאות אונ אללעס גיזעצליך, וועט קיין מיסברויך ניט קענין פֿאָרקוממען, אונ מען וועט ניט האבין קיין סודות וואס קאָסטין אָהן קאָנטראָלע, אונ מען וועט פֿערשפּאָרין אַ שתדלן.

ב) זאָלל מען זעהן דיא הכנסות צו פֿערגרעססערן פֿון אנדערע קוועללין. למשל דער עולם איז שוין דאָרט גיפּאסט דארויף, דיא פֿעדערן פֿון עופות אוועק צו געבין, אונ דאס קענן דער גימיינדע איינברענגין 3000 רו"כ, דארף מען אוודאי ניט קוקין אויף פּוסטע חוקות. צי דיא שוחטים וועט מען דארפֿין דערוועטצין, יאָ גאנץ רעכט, דיא וואס זענין נעטהיג; זעהט נאָר ערשט אקוראט אויב מען דארף האָבין אזוי פֿיעל שוחטים מיט מנקרים, אויבער מנקרים, אויפֿזעהר אונ קוקער אויף זייא? יערע מעלכטיגע חסידישע סעקטע מוז האבין אַ שוחט וואס איהר גוטער יוד האָט אָבגיקליבען? וואהר־ליך יענער וועט אויך ניט יודין מאכיל טריפֿות זיין. מאכט מען נאָר עקאָנאָמיע אין דאר־מאָיעדים, וועלין דיא איבריגע האָבין פרנסה בכבוד.

ג) אז דיא הכנסות וועלין פֿון אנדערע לייכטע קוועללין האָבין אַ צושפּרונג, אונ דיא הוצאות וועלין גערינגער ווערין, וועט קהל דארפֿין פֿון דער טאקסע פֿיעל וועניגער. מען דארף דער עיקר פֿערזאָרגין מיט אללעמען וואָהלטעהטיגע, אונ ערציעהונג אנש־טאלטין ניטצליכע אונ נעהטיגע גימיינדע בעאמטע זעטסקי פּארצאהלונגס. אונ דארויף דארף דער אקציז ניט פֿיעל בעטרעפֿפֿין, אונ בייא דעם אונגיהייערן בעדארף פֿון פֿלייש אין אַזאַ גרויסער גימיינדע קיין עה"ר, דארף מען דאס גאָר ניט פֿיהלען.

ד) בלייבט נאך צו בעוואָרגין דיא פּאָדריוען אונ דען דיפֿפֿערענץ פֿון כשר צו טריפה פֿלייש. פֿיר דען ערשטען איבעלשטאנד גלויבין מיר וואָלט רע[illegible] גיוועזין מיט בעוויליגונג דער רעגיערונג פֿעסטצוועטצין אז סאָלדאטין זענין בעפֿרייעט פֿון טאקסע נאָר פֿון פֿלייש



וואס

וואס זייא נעהמען אין דער שטעדטישער יאטקע, אונ דאריבער זאלל געפיהרט ווערין
א קאנטראלע; ווייא באלד ער פיהרט אריין פון אויסער דער שטאדט מו ער צאהלען
אקציז, חעט ער אבער פעקלין, חוץ דעם שטראף פערליערט ער זיין פריווילעגיום. עבענ-
זא וואלט מען גיקענט א שטארקערן קארדאן ארומציהען ארום דער שטאדט וויא גרוס
דער אומפאנג מעג זיין, אבי בעזעטצין מיט טיכטיגע עהרליכע שומרים. איבריגינס
וואלט מען אפשר דאך גיקענט אבנעהמען דיא מקומות צרות, עס איז נאר פערבונדען
מיט אביסיל מעהר מיה, דיא רעגיערונג וועט פיעללייכט אויך אונטערשטיטצען, אונ
חאטש דיא 3 גובערניס זענין אבגיזונדערט, אינרעססען שטעהן זייא דאך אבער אונטער
א צענטראל פערוואלטונג, אונטער דעם גענעראלגובערנער. מען דארף ניטש פערגעססין
אז דיא העכערע רעגיערונג וועט זעהן מען מאכט א גאנץ נייע עהרליכע ארדנונג, מען
פערזארגט דאס שול וועזין, דיא וואהלטהעטיגע אנשטאלטין אונ דאך איז מען בעמיהט דיא
לאסטען פונ'ם פאלק צו פערגרינגערן; וועט זיא בעשטיממט אללע ניטצליכע אונ גיזעטצ-
ליבע מאסרעגעלן אונטערשטיטצען.

די צווייטע וויכטיגע אורזאכע פאר וואס כשר פלייש איז טהייער, וועט מטילא
בעזייטיגט ווערין מיט דער ערעפפנונג דער באהן פון בערדיטשוב נאך קיעוו. עס ווירד
זעהר לייכט זיין זוממער גענין טאג אונ ווינטער אפילו בייטאג פריש פלייש קיין קיעוו צו
פיהרען, זאבאלד דיא געטרפהעטע בהמות וועלין איבערשטייגין דער ערטליכען קריסט-
ליכען קאנסאמאציאן, אונ מען וועט ניט געטהיג האבין צו פערקויפין האלב אומזוסט
אונטער דעם קרן, אדער אויסשמעלצין אויף חלב, אונ דער היזק זאלל מוזן פאללין
אויף דעם ביערנע שטיקיל כשר פלייש. דיא יודישע קצבים וועלין תמיד קעננען קאנ-
קורירען מיט קיעווער, ווייל זייא וועלין צופריעדען זיין מיט קליינעם פראפיט, אדער
קרן ארויס איז אויך פאר זייא גענוג, פערדיענען זייא דאך אן דעם יודישין;
מטילא אז מען וועט בעווארנען דיא סאלדאטין אונ פינדען איין, אבואטץ פאר
דעם טריפה פלייש, וועט איינערזייטס דער פרייז פון כשר פלייש ניט טהייער זיין;
אנדערערזייטס אז דער דיפפערענץ וועט ניט גרויס זיין, ווייל דער אקציז וועט קליינער
זיין, דיא מיסברייכע וועלין איינגיהאלטין ווערין, קאסטשפיעליגע סורות וועלין אויפהערען,
וועט אויפהערין דער קאנטראבאנד. פון א קליינינקייט וועגין וועט קיינער זיך ניט וועלין
אבגעבין מיט דעם געשעפט, אונ יעדער וועט גערנער צאהלין עפיס טהייערער אין דער
יאטקע בכשרות פאר זיכער כשר פלייש.

לייכטער וואלט נאך גיוועזין, מען זאלל מאכין אקציז ניט פון דעם פוד וואס פאלט
שוין אונטער א קאמפלעצירטען קאנטראליע, נאר פשוט פונ'ם אקס, אזוי וויא בייא עופות,
מען זאלל מאכין א פעסטגיזעטצין טאריף אזוי פיעל קוממט פון איין אקס, אזוי פיעל
פון א קוה, א קעלביל, א שעפעלע. דער בעל טאקסע שטעללט פון זיך א נאמן וואס
נעמט צו דיא קוויטליך פון דיא בהמות וועלכע זענין כשר, אונ פון דער גימיינדע מעג
אויך איינער גיזעצט ווערין אכטונג צו געבין, עס זאלל ארדענטליך צוגעהן. עבענזא
זאלל מען אבשאפפען בעזאלדעטע שוחטים פון דער גמיינדע קאססע; דיא פארשטעהער
מיט דעם בית דין נעהמען אויף שוחטים, וועלכע האבען סמיכות פון רבנים לומדים,
גיט גוהה פון צדיקים, אבי זייא זענין געשיקט אין זייער מלאכה אונ עהרליכע יודין,
אונ זייא שטעהן תמיד אונטער אויפזיכט פון דען פארשטאנד. נאר גיצאהלט בעקוממען
זייא.

זייא פונ'ם שטיק וויפיעל עס ווירד כשר. דאס וועט זיין אין אללע בעציעהונגען פאר-
טהיילהאפטער, קהל'ס קאססע פאללט אראב א שווערע לאסט, דיא שוחטים וועלין
אויך צופריעדען זיין ניט פון דעם צוגעציילטען גראשין צו לעבין, וואס יעדער מענש
פיהלט זיך דרינין בעשרענקט, דאריבער רייסין זייא דיא שטיקליך פלייש וואס פאללין
אויף דער טאקסע, ווארין דער וואס לעגט אנידער איין אקס צו דער שחיטה, רעכענט
וויפיעל איהם געהט אראפ אז ער ווירד כשר, אונ ערשט ווערין דיא שוחטים קצבים אונ
האנדלין מיט פלייש, אזוי וועט מען זייא בעצאהלין זייערס פון א גסה אונ פון א דקה אויך פון
עופות, פערהעלטניסמעסיג וויא מען זעהט יעצט ארויס וויפיעל עס ווירד פערצערט אין
שטאט, לויט פערגאנגענע יאהרין, אונ וויפיעל דיא נעטהיגע שוחטים דארפין אויך צום
לעבען ברווח, ווייטער קעהרען. זייא זיך צו קיין שום שפארטעל נישט אן, זייער זאך
איז צו שעכטין אונ צו בדקינן, ווירד כשר גיט מען איהם זיינס שכר טרחה אונ גענוג,
קיין שטיקליך פלייש פון בהמות, קיין פערדינען קעהרען זיך צו איהם נישט אן. העכסטענס
פעניס פון גענז אונ פיסליך טבת אונ שבט, וואס איז א גאנץ אלטער מנהג, אויך האט ער
קיין זינן נישט. — אזו וואלט אויך גידארפט זיין מיט עופות, בעשטיממען וויפיעל עס
קוממט איהם פאר יעדער טין, אדער דורכשניטליך. — מיר געבין דא ניט אויף זיין נייעס,
אזוי פיהרט זיך יעצט אין דיא שטעדט וואו דיא פאכט האט אויפגיהערט, אונ אז
ווארשא, לובלין, זאמושטש, אונ אנדערע גרויסע עכט יודישע קהלות פיהלען דרינין
נישט קיין אנשטענדיגעס, מעג מען אין בערדיטשוב אונ אין גאנץ רוססלאנד זייא
נאכטהון.

מיר האפפין אז דער פארשטאנד אין בערדיטשוב אונ דיא גאנצע גימיינדע, אויך
יחידים, סיי דיא וואס מיר האבין מיט גוטס גיוויסין געלויבט, סיי דיא וואס מיר, אויס
אויפריכטיגער פריינדשאפט אונ לטובת הכלל, אויף מאנכע זאכין אויפמערקזאם גימאכט,
אללע וועלין אונזערע ווערטער ניט דייטין צום שלעכטין אונ וועלין ארויסזעהען אז אונזער
כוונה איז געווים צום גוטין, עס זאלל זיין רעכט פאר גאט אונ שעהן פאר לייט, ניטצליך פאר
דער גימיינדע, פאר דיא איינוואהנער, פאר זייערע קינדער אונ פאר יעדען איינצעלנען בעזונדער,
אונ מוסטערהאפט פאר אונזערע ברידער אין אנדערע מקומות. וועט מען נאר אונזערע בע-
מערקונגען אויף דער ארט אויפמערקזאם בעטראכטין, זענין מיר איבערציינט, וועט מען ניט
אללעס, על כל פנים פיעלעס וועט מען אין זייא וואהר אונ ריכטיג פינדען. קוים קוממט
מען צו דער איבערציינונג, וועלין שוין כמילא אללע ווינשין אונ זארגין אבצוהעלפין.
בייא יעדער קראנקהייט, עס מעג זיין אים קערפער איינעם מענשין, אדער אים גימיינדע
קערפער, איז דער עיקר צו וויססין וואס פאר א קרענק דאס איז אונ אין וועלכען גליעדער
זיא זיצט; דערמאל געפינט שוין דער דאקטאר דיא מיטטעל זיא צו היילין. נאר דיא
צערשטערטע ארגאניזאציאן העממט דיא צירקולאציאן פונ'ם בלוט אונ ברענגט ארויס
פיעבער, קוים בעווירקט מען דורך געאייגנעטע מעדיצין א גערעגעלטע ארגאניזאציאן,
פליעסט דער לעבענסשטראם רעגעלמעסיג, אונ אללע גליעדער ערהאלטין פון איהם פריש
... — עס וועט אונז זעהר פרייען אז אונזער מיה אונ אונזערע הוצאות וועלין נישט
זיין אומזיסט. כדי אפפערן צייט אונ געלד אונ שטרענגין זיך פאר אונזערע ברידער צו
קעננין, וואס דאס איז דער היפטצוועק פון אונזער רייזע; מיר האבין נירגענדס אנשפרוך
גימאכט אויף בעלאהנונג.

איבעראלל

איבעראַלל חירושט מען זיך, היינטיגע צייטן אין דער פּראַקטישין מאַטעריעללין וועלט זאַללֿ׳אַ מענשֿאַללעס אוועקלעגין אונ אַזאַ רייזע אונטערנעהמין אָהן אַ שום צוועק פֿאר זיך; עס קריעגֿט נאָר נישט אין קאָפּ אריין. דאָך לאזין ערות זאָגין אללע גימיינדען וואס מיר האבין בעזוכֿט, אויב מיר זענין אויף גיטרעטין אלס מחבר, אלס רעדאַקטאָר זאמלען פּרענומעראַנטין. ווענינסטענס העטטין מיר געווינשט אז אונזער אפּפֿער זאָלין חאָטש ניטצליך זיין אונזער נאַציאָן, אונזערע גלויבענס גינאָססין, וועט דאס זיין דער בעסטער לויהן פֿאר אונז, אונ וועט אונז איינגעבין נייען מוטה ווייטער צו ארבייטין-לטובת הכלל, וואס דערצו ווללען מיר ווידמען אונזערע לעצטע ביססעל׳יאָהרין. אוודאי אין דעם גראַד וואס אונזער אנשטרענגונג וועט אנגילענט זיין, וועלין מיר זיך אנגעשפּאַרנט פיהלען צו ארבייטין מיט אַ רוהיג געמיטה אונ מיט חשק. איף בערדיטשובער גימיינדע ליעגט דאַהער דיא הייליגע פּפליכֿט אונז איין בעוויז צו געבין אז אונזער מיה איז נישט אומזיסט, אונ מיר ערווארטין מיט אונגערולד אים געלֿסטין צו הערין אז מיר האבין וויפיעל נים איז געפֿועלט. חכות הרבים וועט זייא ביישטעהען צו גייסטיגער אונ מאַטעריעללער פֿערבעססערן איהרער לאגע.

---

# ענדע

שנאָרער אסס׳ן
ווינקעל גרופּע
ביאַליסטאָק
LIBRARY of the WINKEL GROUP
SHNORER ASSN

# סטאַטיסטישע טאַבעללע

## פון יודישע מייסטערס אונ געזעללען וועלכע זענין פערשריעבען אין בערדיטשובער צעך.

| | | מייס׳ | געוועל׳ |
|---|---|---|---|
| 1 | שניידער | 125 | 200 |
| 2 | שוסטער | 195 | 225 |
| 3 | קירשנער | 65 | 75 |
| 4 | קצבים | 45 | 30 |
| 5 | סטאָליארים | 65 | 120 |
| 6 | מאליארים | 10 | |
| 7 | פֿארבער | 10 | |
| 8 | גלעזער | 15 | |
| 9 | בלעכֿער | 50 | 75 |
| 10 | קאָטליער | 6 | 8 |
| 11 | (מעשיאָנזשיקים ובראָנזאָוו-טשיקים) | 5 | |
| 12 | אָליוויאנטשיקים (ציננגיעסער) | 2 | |
| 13 | זייגערמאכֿער | 10 | 5 |
| 14 | יובעליער (ברילאָנטשיקים) | 35 | 15 |
| 15 | צורפים | 15 | 10 |
| 16 | טשיזאָנטשיקים | 4 | |
| 17 | תחימה שטעכֿער | 1 | |
| 18 | דרוקער | 4 | |
| 19 | שטוקלער | 25 | 10 |
| 20 | שפּיננער | 10 | 5 |
| 21 | טליתים מאכֿער | 10 | 5 |
| 22 | מיטשניקים | 15 | 25 |
| 23 | איינבינדער | 25 | 15 |
| 24 | קעלנישוואססער מאכֿער | 3 | |
| 25 | סופרים | 7 | |
| 26 | באָרנערים | 20 | 5 |
| 27 | רימארזשעס | 20 | 6 |
| 28 | טאפעצירער | 4 | |
| 29 | בעקער | 30 | 10 |
| 30 | קאנדיטערים | 5 | 4 |
| 31 | לעקיכֿטמאכֿער | 8 | 2 |
| 32 | קאָוואלים | 22 | 15 |
| 33 | שלאָססערים | 12 | |
| 34 | וואטטענמאכֿער | 10 | |
| 35 | גרעטפעלמאכֿער | 3 | |
| 36 | (באנדאושיטען אונ העקעשקי מאכֿער) | 10 | 2 |
| 37 | גארבער | 8 | |
| | ס״ה | 909 | 867 |

| | | מייס׳ | געוועל׳ |
|---|---|---|---|
| | טראנספּ׳ | 909 | 867 |
| 38 | שטריקמאכֿער | 7 | 2 |
| 39 | רערני מאכֿער | 1 | 1 |
| 40 | זיפענמאכֿער | 2 | |
| 41 | קאָראָבקע מאכֿער | 6 | |
| 42 | פּאריקמאכֿער | 6 | |
| 43 | קאָלעסניקים | 25 | 8 |
| 44 | וייפּענמאכֿער | 4 | 2 |
| 45 | שפּילקע מאכֿער | 3 | |
| 46 | נאדעלמאכֿער | 3 | 5 |
| 47 | לעכֿטציעהער | 20 | |
| 48 | קאמענמאכֿער | 3 | |
| 49 | שפּיעגעלמאכֿער | 5 | |
| 50 | שוחטים | 12 | |
| 51 | מנקרים | 6 | |
| 52 | מפשיטים (שינדער) | 10 | |
| 53 | קרופּניקים (קאשע מאכֿער) | 30 | 20 |
| 54 | רופאים | 25 | |
| 55 | כלי זמר | 75 | |
| 56 | מוליערים | 60 | |
| 57 | טשעסליערים | 100 | |
| 58 | טרעגער | 150 | |
| 59 | וואססערטרעגער | 70 | |
| 60 | קעססעלמאכֿער | 9 | 6 |
| 61 | עסיגמאכֿער | 4 | 4 |
| 62 | פּארטשיקים | 60 | |
| 63 | שניצער | 5 | |
| 64 | בערשטילמאכֿער | 3 | |
| 65 | האָלצזעגער | 50 | |
| 66 | בלאָטארניקים (?) | 5 | 2 |
| 67 | טאָקארים | 6 | 5 |
| 68 | קואסניקים | 10 | |
| 69 | מוקיוואָזים | 30 | |
| 70 | לייםפֿיהרער | 25 | |
| 71 | קנעפּילמאכֿער | 2 | 3 |
| 72 | בלומענמאכֿער | 3 | |
| 73 | שלייפֿער | 4 | |
| 74 | שוהזאָקמאכֿער | 5 | |
| 75 | שהעבילמאכֿער | 5 | |
| 76 | ציגארענמאכֿער | 10 | |
| | ס״ה | 1768 | 925 |

| | | מייס' | נעוועלי' |
|---|---|---|---|
| | ט"פ | 1768 | 925 |
| 77 | טיטון שניידער . . . | 80 | |
| 78 | טאשיניסטען . . . . | 25 | |
| 79 | שינדעל שלעגער . . . | 10 | |
| 80 | קאַנאַוואלים . . . . | 2 | |
| 81 | גרעבער . . . . . . | 30 | |
| | ס"ה | 1865 | 925 |
| | ט"פ | 1865 | 925 |
| 82 | בלייאַוואסניקים (?) . . | 6 | 6 |
| 83 | בערלינערבלויא ארבייטער | 2 | 4 |
| 84 | שרויטען מאַכער . . . | 2 | 2 |
| 85 | עהלמאַכער . . . . | 3 | 3 |
| | ס"ה | 1878 | 940 |

## אנמערקונג

אוסער איניגע מלאכות וואס מיר ווייסען ניט זייער בעדייטונג, געפינענו מיר אועלכער צעכען וואס זענין גאַר ניט קיין מלאכה, וויא למשל: מיטשניקים, טרעגער, וואססערטרעגער, האָלצזעגער, מקוואָזים, לייטפיהרער, גרעבער; וויא עס שיינט זענין דאס דיא קלאססע „נייע רעסעסלענני צעך" וואס מען האט גומאכט בשעת עס איז ארויסגעקומען מען זאָלל איינטהיילען יודען אין 4 קלאססען אונ דיא. פינפטע זאָלל הייסען „טונאַיארצי". דערמיט איז אויך פערענטווערט וואס דרוקער, סופרים, זאָגאר כלי זמר, וועלכע געהערען צו פרייע קינסטע האָבון אויך צעכין. אויך האט מען גימאכט אוים קצבים אונ שינדער בעזונדערע צעכין. אויפפאלענד איז נאָר וויא קוממען שוחטים אונ מנקרים צו אַ צעך, דאס זענין דאָך פונ'ם כלי קודש, אזוי גוט וויא דיינים אונ חונים? — נאָך אללעס וועהט מען אז מען קענן זיך אויף יודען אין בערדיטשוב נישט בעקלאָגען, זייא בעשעפטיגען זיך ניט מיט האנדווערק. דיא פראגע איז נאָר היא דיא איינענטליכע האנדווערקער זענין פעלקאָמטען אין זייער מלאכה, אונ אייב זייא האָבען גענוג ארבייט זיך צו ערנעהרען? — דאס וואס פועלים זענין וועניגער וויא מייסטערים קענן מען פערענטווערין טהיילווייזע, וויל פיעלע מלאכות וואס צעהלין אַ סך מייסטערם, זענין נישט קיין מלאכה וואס מען דארף לערנען דיא תורה, אויף זייא איז מקוים געוואָרין דאס שפריכוואָרט „בידע נאַאוטשיט", וויא לעהמפיהרער, וואססערטרעגער, טרעגער וכדומה. אנדערזייטס קען זעהר זיין אז טהייל פערשרייבען גאָר נישט דיא געזעללען, פטור צו זיין פון צעכגעלד, אָדער זייא האָבין נישט קיין דאָקומענטע. מעהר חידוש מען געפינט נישט פערשריעבען קיין לערנייונגליך!



### דער שולען, בתי מדרשים אונ קלויזען אין בערדיטשוב.

#### פון פאר 1865

1 סינאַגאָגע מעיר ישן
2 „ מעיר הדש
3 „ מאחורי הגרעבליע
4 „ מנעמיריווקע
5 „ מרחוב ביליפאלע
6 „ קאָהר שול (נייליך בעשטעטינט)

#### בתי מדרשים אונ קלויזען

1 בעקעריש
2 שניידעריש מעיר ישן
3 דעם רבי'ס בעיר ישן
4 צינקעריש
5 חבורה קדושה
6 ר' הירש דער רביצינס
7 גרויסע קלויז
8 פוילישע אָדער ליטווישע
9 ר' ידידיה'ס
10 שינדעריש
11 ר' משה שמואל'ס
12 טרעגעריש
13 חוטבי עצים
14 מענדעלואָהנס
15 ר' הירש ליבערס
16 ביטנביארקין
17 מיליארסקי
18 קרופניקים
19 זיטאמירער
20 וואססערטרעגעריש
21 ר' זלמן יוסילס
22 מכניסי אורחים
23 כלי זמר
24 ביקור חולים
25 טיטשניקים,
26 אָפרהי
27 אָרטענבערגישע
28 זוסקינדישע (סקווירער)
29 פעכטענהאָלץ
30 קירשנערישע
31 נעבען דעם אלטען בית עלמין
32 ראָזנאָשטיקים
33 דעם יאנובער רבי'ס
34 שוסטעריש
35 לנדא
36 קצבים
37 צורפים בת"ת
38 משניות קלייזיל
39 היתום מעיר הדש
40 ביהמ"ד מעיר חדש
41 ליווראנטסקי
42 שניצעריש
43 ביה"כ הקטנה
44 מיכלזאָהנס
45 קאמינקע
46 מאנזאָהן
47 קאָטשיביוקער
48 דאנצים
49 ה' הירש וואָלף'ס
50 מעקלעריש
51 הירש מוכתה

#### נאך 1865 געעפינט

1 בלעכעריש
2 קאָריסטישאָוער
3 טשערנאָבליער
4 בית נייה ביה עלמין
5 כאלדאווער
6 מנין בבית פאלטים
7 מנין נעבען דער קלויז
8 אצל בית עלמין ישן בביה"כ של מוכרי הנרות
9 מנקרים
10 חבדסקי } אונטער איין
11 קארלינער } דאך מיט דער
12 שטוקלעריש } שול אויפ'ם אלטען ביה עלמין
13 בו אָווער
14 חייטים בבית ר' יוסף הריף
15 מנין בבית ר' הירש שרויטען-מאכער

16 מנין בבית ר' בורך סימאקאוו
17 } אהן נעמען אויף דער
18 } בראָדער גאס
19 באנדארסקי
20 תהלים שול (אָנגעברענט)

21 מנין בבית שוהם קאטשיביאקע
22 מנין בחצר אהים קליינער
23 מנין בבית סאָקאָלסקי
24 מנין אויף דער ציגעלני
בראָדער גאס

---

ה

# סטאטיסטיק

מנולדים, נפטרים, חתונות, גיטין, פון 4 יאהר

| | 1 נולדים | | 2 חתונות | 3 גיטין | 4 נפטרים | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | זכרים | נקבות | | | זכרים | נקבות |
| 1861 | 953 | 547 | 384 | 146 | 1025 | 952 |
| 1862 | 928 | 621 | 367 | 142 | 1008 | 935 |
| 1863 | 882 | 521 | 385 | 112 | 744 | 656 |
| 1864 | 828 | 530 | 344 | 114 | 796 | 765 |
| 1865 | 795 | 478 | 382 | 125 | 1274 | 1218 |
| 1866 | 650 | 360 | 410 | 120 | 1161 | 1110 |
| 1867 | 758 | 359 | 385 | 117 | 703 | 730 |
| 1868 | 781 | 524 | 421 | 128 | 795 | 729 |